# ארכיוו

אויסגעקליבן פון די אידישע ארכיוון • מגיה געווען • צוויי מאל א וואך

נומער 24 • מאנטאג, ג' שבט תשפ"ז • 11טן יאנואר 2027 • די וואך פון פרשת בא

כִּי אֲנִי ה' רֹפְאֶךָ

שמות טו, כו



אין דעם נומער

**איז נאטורליך געזונטער?**
יידל • הויפט־ארטיקל

**דער שווארצער טויט**
פליקער • היסטאריע

**רויכערן: יא אדער ניין?**
הײדפארק • שמועס

**בדמייך חיי**
הערשי • וויסנשאפט

**א באזוך אין שפיטאל**
לייבל שטילער • איבערלעבונג

**דער פורים־דאקטאר**
זאלצוואסער • הומאר

ארכיוו

נומער 24 • מאנטאג, ג' שבט תשפ"ז
11טן יאנואר 2027 • די וואך פון פרשת בא

הקדמה

# געזונט: א נומער וועגן דאקטוירים, שפיטעלער און רפואה

„כי אני ה' רופאך“ – מיט די ווערטער ענדיגט זיך די מעשה פון מרה, און מיט זיי עפענען מיר א נומער וועגן א טעמע וואס יעדער האט צו טון מיט איר, צי ער וויל צי נישט: געזונט. דאקטוירים און שפיטעלער, רפואות און מעדיצין, און די פילע מיינונגען וואס אידן האבן דערוועגן אויף די פארומס.

אינעם הויפט־ארטיקל פרעגט „יידל“ צי נאטורליך איז טאקע געזונטער, און ווייזט מיט ביישפילן – פון ארסעניק אין וואסער ביז רויע מילך – אז די נאטור איז נישט אלעמאל אונזער בעסטער פריינט. אינעם שמועס פון דער וואך קריגן זיך די ליינער פון דער „היימישער קרעטשמע“ איבער רייכערן: די רויכערער פארטיידיגן זיך, די אנדערע קענען דעם רויך נישט אויסהאלטן, און איינער פרעגט צי ער מוז אויסלעשן דאס ציגארעטל איידער ער גיט א היטש.

„הערשי“ נעמט אונז מיט אויף א שפאציר דורך דער געשיכטע פון בלוטלאזן ביז צום היינטיגן בלוט־טעסט – אלעס אין דער פארעם פון „הלכות הקזת הדם“, מיט מליצות פון גמרא און ספרים. „פליקער“ דערציילט די געשיכטע פון דעם שווארצן טויט, די מגיפה וואס האט אינעם פערצנטן יארהונדערט אויסגעמעקט א גרויסן טייל פון אייראפע, וואס זי האט געמיינט פאר די אידן, און ווי אזוי א קינדער־ניגון האט זי פארגעדענקט.

„לייבל שטילער“ שרייבט וועגן די געפילן פון א קורצן באזוך אין שפיטאל. „וואלווי“ שרייבט א רעצענזיע אויף א בוך וועגן דעפרעסיע, און די ליינער שמועסן צי א בוך קען בכלל העלפן. צום סוף לאזט זיך הערן דער פורים־דאקטאר פון „זאלצוואסער“ מיט זיין דיאגנאז פון א „לינקן טאג“.

אין „היינט מיט . . . יאר צוריק“: א „דיבוק“ אין ירושלים פון 2010, און א שאלה וועגן קימפעטארין־היימען פון 2006. אין די פערל: דריי קורצע מעשהלעך פון דאקטאר און פאציענט.

אלע שטיקלעך זענען אויסגעקליבן און מגיה געווען; וואו מען האט פארקירצט, איז עס אנגעצייכנט. די פולע מקורות געפינט איר אויפן לעצטן בלאט.

**די רעדאקציע**

## אין דעם נומער

| | | |
|---|---|---|
| הויפט־ארטיקל | איז נאטורליך געזונטער? • יידל | 3 |
| א שמועס פון דער וואך | די שעדליכקייט פון רויכערן • כיטובב03, קרעמער, התאחדות און אנדערע | 5 |
| וויסנשאפט • מעדיצין | בדמייך חיי: הלכות הקזת הדם • הערשי | 8 |
| היסטאריע • מגיפות | רינג א ראהנד אף רויזי • פליקער און אנדערע | 12 |
| איבערלעבונגען | שיריים פון מיין באזוך אין שפיטאל • לייבל שטילער | 16 |
| קולטור • ביכער | א בוך וועגן דעפרעסיע • וואלווי, הקטן און mevakesh | 17 |
| הומאר | לינקע זייט סינדראם • זאלצוואסער | 19 |
| היסטאריע | היינט מיט . . . יאר צוריק • פון די ארכיוון | 22 |
| קורץ און שארף | פערל פון די ארכיוון • פון די ארכיוון | 24 |
| קאלום | די תגובה פון דער וואך • natan101 | 25 |
| מקורות | מקורות • די רעדאקציע | 26 |

הויפט־ארטיקל

# איז נאטורליך געזונטער?

א שטיבל־ארטיקל פון 2013: פארוואס „נאטורליך“ מיינט נישט אויטאמאטיש געזונט – פון ארסעניק אין וואסער ביז רויע מילך – און פארוואס דאסווארט „כעמיקאל“ איז נישט קיין שרעקעניש.

פון **יידל**

קאווע שטיבל • וויסנשאפט • „איז נאטורליך געזונטער?“ • 5טן פעברואר 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2873.html

מיר האבן שוין דא אין שטיבל דיסקוסירט אפאר מאל דאס ענין פון נאטורליכע היילונג וכל שום וחניכיה דאית ליה. איינע פון די יסודות פון די וואס גלייבן אין נאטורליכע היילונג און פון די וואס האלטן נישט פון מעדעצינישע היילונגען איז די איינרעדעניש אז אלעס נאטורליך איז גוט און אלעס וואס איז נישט נאטורליך איז שלעכט. די צוויי פאלשע יסודות זענען איינע פון די סיבות פארוואס מענטשן זענען מקפיד צו עסן דוקא ארגאנישע מאכלים, פארוואס מענטשן האלטן זיך צוריק פון נעמען וואקסינען פאר זיך און פאר די קינדער, פארוואס מענטשן שווערן זיך אין נאטורליכע היילעונגען ווי האמאפאטיע און שעקלי, פארוואס מענטשן נעמען נישט טיילענאל ווען דער קאפ טוט זיי וויי און נאך צענדליגע משוגעת'ן וואס מענטשן טוען. די אלע זאכן פארלאנגען א באזונדערע ברייטע אויפקלערונג און הסבר וואס ליגט אונטער זיי און א בירור צו די קלעימס וואס די נאטורליכע מענטשן מאכן איז טאקע אמת. איך וויל אבער דא זיך שטעלן בלויז אויף דעם יסוד פון „נאטורליך“ – „נעטשרול“ בל"ע.

אויב עפעס קומט פון דער נאטור איז עס זיכער געזונט, נישט אזוי? מיר זענען דאך אלע פראדוקטן פון דער נאטור, איז נישט מער ווי גלייך צו טראכטן אז אלעס נאטורליך איז גוט פאר אונז, ריכטיג? פאלש. די נאטורליכע וועלט איז אנגעפילט מיט זאכן וואס שטעלן אומגעהויערע סכנות פאר אונז. דאס מיינט נישט אז נאטור איז עפעס פון וואס מיר דארפן אנטלויפן, און אז נאטור איז א שלעכטע זאך. בכלל נישט. עס זענען דא גוטע זאכן אין נאטור, אפילו געוואלדיגע זאכן און עס זענען פארהאן שעדליכע זאכן אין נאטור, אפילו גאר שעדליך. לדוגמא, דער סם וואס הייסט ארסעניק איז א נאטורליכע פראדוקט. וואסער – וואס קען דען זיין מער נאטורליך ווי וואסער? – איז אין פילע חלקים פון דער וועלט פאר'סמ'ט דורך ארסעניק, אין א גענצליך נאטורליכן שטייגער! [פארקירצט] אבער נישט געזארגט, דער אויבערשטער האט אונז נישט פארלאזט. עס זענען דא אפאר מהלכים וויאזוי מ'קען -און מ'טוט! – רייניגן דאס וואסער פון דעם סם, דורך אריינמישן געוויסע כעמיקאלן, געוואנדן לויט דעם לעוועל פון סם וואס דאס וואסער ענטהאלט. אין אנדערע ווערטער, וואסער אין זיין נאטורליכער פארעם קען זיין גאר מסוכן! און נאר דורך א.ג. אומנאטורליכע אינטערווענציע פון אריינמישן כעמיקאלן קומט דאס וואסער אן ריין צו אונז. און די וואס רעדן זיך איין אז זיי שטייען בעסער וויבאלד זיי קויפן וואסער אין געשעפט – צו ווייסן זיי אז א גרויס חלק דערפון זענען פשוט'ע סינק וואסער?

**וואסער אין זיין נאטורליכער פארעם קען זיין גאר מסוכן!**

אבער מענטשן, ווען זיי הערן אז מ'לייגט אריין כעמיקאלן אין דעם וואסער ווערן זיי היסטעריש. דזשאן סטאסעל האט אמאל געטון אן אינטערעסאנטער עקספערימענט. ער האט זיך אראפגעשטעלט אויף דער גאס און געבעטן דורכגייער אונטערצושרייבן א פעטיטציע צו פארבאטן די באנוץ פון דיהיידראדזשען מאנאקסייד. ער האט מסביר געווען פאר מענטשן אז מ'דארף קעיר נעמען פון דעם כעמיקאל וויבאלד עס געפונט זיך כמעט איבעראל און עס איז גורם צו טויזענטע טויטע איבער דער וועלט יעדעס יאר. נאך מער, די כעמיקאל איז קאלירלאז און טעם'לאז אזוי אז רוב מענטשן כאפן זיך ניטאמאל אז עס עקזעסטירט! מענטשן האבן אונטערגעשריבן דעם פעטיטציע אין גרויסן. עס איז נאר געווען איין פראבלעם. דיהיידראדזשען מאנאקסייד איז די סייענטיפישע נאמען פון וואסער (אין קורץ שרייבט מען עס $H_2O$). מענטשן מיינען אז דאס ווארט כעמיקאל איז עפעס א שרעקעניש. אין פאקט, אין די אויגן פון א כעמיסט איז אלעס א כעמיקאל. שרעקעדיגע ווערטער זענען אייגענטליך פראדוקטן מיט וואס איר באנוצט זיך טאג טעגליך. סאדיום כלארייד איז פשוט'ע זאלץ. אסעטיק עסיד איז וויניגער. פארשטייט זיך אז פשוט'ע מענטשן

וועלכע פארשטייען נישט צו כעמיק וועלן דערשראקן ווערן פון סיי וואספארא כעמיקאל וואס ליגט אין זייערע עסן און פראדוקטן.

א ביישפיל איז BPA. בי פי עי איז די קיצור פון ביספענאל-עי. די כעמיקאל געפינט זיך איבעראל, נאכדערצו אין פלעסטיק. די מערכה איבער BPA איז וויבאלד עס ווערט פארערכנט פאר אן endocrine disruptor, דאס הייסט עס קען שטערן הארמאנען אינעם גוף. ווען איר וועט קויפן א נייע קינדער-פלעשל (באטי) פאר אייער קינד און איר וועט זען אין פלעשל מיטן אויפשריפט BPA FREE און א צווייטע אן דעם אויפשריפט וועט איר מסתמא קויפן די ערשטע. הלמאי, אז יענער פארקויפט א פלעשל אן BPA איז דאך משמע אז ס'איז א פראבלעם! אבער צי ווייסט איר אז ווייץ, סוי און געוויסע פרוכט זענען אלע פארערכנט פאר endocrine disruptors? בנוסף צו אינטענסיווע שטודיעס וועלכע האבן נישט געטראפן קיין שום ערנסטע שאדט טערם אדער לאנג טערם אפעקט וועלכע BPA קען האבן, אפילו אויף קליינע קינדער. אבער דאס פארמינערט נישט די פחד וואס מען האט פון כעמיקאלן בלויז וויבאלד מ'רופט זיי כעמיקאלן.

אבער ס'גייט נאך ווייטער פון דעם. מענטשן עסן ארגאניש וויבאלד עס איז מער נאטורליך. די פאקט איז אז ארגעניק האט אפאר פראבלעמען, אבער לאמיר אננעמען פאר א רגע אז זיי זענען יא געזונטער פון סתם עסן. די שאלה איז אבער פארוואס איז די עצם אגריקולטור – דאס בעארבייטן די ערד, דאס באמיסטיגן די פעלדער – יא נאטורליך? וואלט דען נישט ריין נאטורליך געווען ווען מ'עסט נאר ווילד געוואקסענע פלאנצונגען וועלכע ווערן נישט קולטיווירט דורך מענטשן? איז נישט אגריקולטור נישט נאטורליך ביי דעפענישאן? אבער די מציאות איז אז צענדליגע ווילד געוואקסענע מינים זענען גאר שעדליך פאר מענטשן! און אגריקולטור איז פארשטייט זיך א וויכטיגע יסוד פון דער מענטשליכער ציוויליזאציע. די טענה'ן וואס מ'זאל עסן ארגאניק וויבאלד אזוי האט מען געלעבט פאר טויזנטע יאר, ווייסן נישט – אדער מאכן זיי זיך נישט וויסנדיג – פון דעם פאקט אז פאר טויזנטע יאר איז די עווערידזש לייף ספען פון א מענטש געווען בערך 40 יאר. 80 יאר האט געהייסן אן אריכות ימים ושנים. היינט צו טאגס אז א מענטש שטארבט בעפאר די 60 הייסט אז ער איז נעבעך געשטארבן יונג. און דאס איז בלי ספק צו פארדאנקען די מאדערנע מעדעצין און אגריקולטור וועלכע האלטן אונז געזונטער און ערמעגליכן אונז צו לעבן לענגער ווי סיי ווען אין דער היסטאריע.

די געדאנק אז אלעס וואס איז נאטורליך איז גוט, איז פשוט כפשוטו פאלש. נאטורליך קען זיין שעדליך ביז גאר. די זעלבע זאך איז מיט דער טענה אז אלעס וואס איז אומנאטורליך איז נישט געזונט. דאס איז פאלש דורך און אדורך. ווי ערוועגט, איז די גאנצע געדאנק פון אגריקולטור א נישט נאטורליכע זאך. אבער אן דעם וועלן מיר אלע אויסגיין פאר הונגער. איינע פון די שטיק פון די נאטוראליסטן איז טרונקען רויע מילך. דאס איז דאך נאטור ממש! רויע מילך קומט פון קוען, און קועו טראגן אפט א באקטיריע וואס רופט זיך אי קאלי (E. coli 0157:H7). מענטשן וואס טרונקען מילך פון א קי מיט אי קאלי וועלן גאנץ וואַרשיינליך ווערן אנגעשטעקט און קראנק דערפון. אויב גיבט מען דאס פאר א קינד וועמענס אימיון סיסטעם איז נאך נישט אינגאנצן דעוועלאפד, קען דאס זיין פאטאל. עס גייט אזוי ווייט אז א געוועזענער איינגעשטעלטער אין די יונייטעד סטעיטס דיפארטמענט אף אגריקולטור האט רעקאמאנדירט אז דאס געבן רויע מילך פאר א קינד זאל הייסן א קרימינאלער אפענס! ווען מ'האט איינגעפירט פעסטוריזירן מילך אין די פריע יארן פונעם צוואנציגסטן יאר-הונדערט האט דאס געהאלפן ברענגען צו אן ענדע פון צוויי ערנסטע מחלות וועלכע האבן גע'הרג'ט צענדליגע טויזנטע מענטשן: טובערקלאָזיס וואס איז געקומען פון קיען, און טייפויד פיבער.

## די געדאנק אז אלעס וואס איז נאטורליך איז גוט, איז פשוט כפשוטו פאלש.

אבער וואונדער איבער וואונדער, דעמאלטס ווי היינט זענען געווען מענטשן וואס האבן געהאלטן אז נישט געזונטע מילך איז בעסער וויבאלד עס איז נאטורליך. באראן ראטשילד האט אין א דרשה וועלכע ער האט געהאלטן אינעם לאנדענער פארלימענט געזאגט ווי פאלגנד (דאס איז נישט געווען זיין אייגענעם מיינונג נאר ער האט מסכם געווען די מיינונג פון די רויע מילך שטיצער): „וואס נאטור פראדוצירט איז גענוג גוט פאר מיך, בעסער נישט זיך ארום צו שפילן דערמיט. עס קען זיין א סכנה; און איך גלייך מיין מילך רויערהייט". ראטשילד מאכט דערנאך חווק פון דעם טענה, פרעגנדיג צו די מילך שטיצער וועלן אויף אפזאגן אנעסטעזיע בעפאר אן אפעראציע וויבאלד ס'איז נישט נאטורליך, אדער אויב זיי וועלן ענדערש עסן זייער פלייש רויערהייט וויבאלד ס'איז מער נאטורליך.

אן אנדערע מערכה וואס נאטוראליסטן פירן איז אנטקעגן גענעטיש מאדיפיצירטע עסנווארג. אפגעזען פון דעם פאקט אז טראדיציאנאלער „נאטורליכע" אגריקולטור איז געווי' דאס – גענעטיש מאדיפיצירן די עסנווארג, איז אבער די פארגעשריטענע וועגן פון גענעטיש מאדפיצירן מאכלים בכלל נישט קיין סכנה. עס איז נישטא קיין איין דאקומענטירטע פאל פון אפילו א בויך ווייטאג וואס איז פאראורזאכט געווארן דורך גענעטיש מאדיפיצירטע עסן. דאך וועלן אבער מענטשן ענדערש קויפן פון א קאמפעני וואס

שרייבט אויף זייער עסן זעקלעך „GMO FREE“, וויבאלד דאס איז מער נאטורליך און מסתמא מער געזונטער...

עס איז נאך דא א ים צו שרייבן איבער דעם נושא, און דאס איז ניטאמאל כטיפה מן הים ואי"ה עוד חזון למועד מער באריכות איבער די מערערע איינצעלהייטן פון נאטורליסטישע איינרעדענישן.

---

א שמועס פון דער וואך

# די שעדליכקייט פון רויכערן

נאוועמבער 2005, אין דער „היימישער קרעטשמע“: די רויכערער און די וואס קענען דעם רויך נישט אויסהאלטן טענהן זיך – מיט א שאלה וועגן היטשעס און א חשבון פון א טאלער.

פון **כיטובס03, קרעמער, התאחדות און אנדערע**

הײדפארק • היימישע קרעטשמע • „די שעדליכקייט פון רויכערן!!!“ • 15טן–18טן נאוועמבער 2005
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1670684.html

---

**כיטובס03** • 15טן נאוועמבער 2005

ב"ה אריינקומענדיג דא אין קרעטשמע זע איך אז קיינער פארלעצט נישט דעם געזעץ פון רייכערן אין פובליק, אבער עס איז אלעמאל דא פלאץ אויס צושמועסן דעם ענין.

אדרבה טייערע ליינער איך ליידן אייך איין אנצופאנגען א דעבאטע איבער דעם נושא.

**התאחדות** • 15טן נאוועמבער 2005

לדעתי העני' געבעסט אויף שטודיעס פון דאקטוירים, איז ציגרעטליך א זאך וואס די באדי' קען פארנעמען, אזוי האט גאט אונז באשאפן, איצט יעדע באדי' קען פארנעמען אסאך זאכן, למשל סטעק, פארשטייט זיך אליין אז א מענטש וועט זיך איבערעסן מיט סטעק דאן איז ער אין א סכנה, די זעלבע סיסטעם איז ציגרעטליך, נאר היות ציגרעטליך האט א ניקאטין וואס ציט ווייטער צו רייכערן, ממילא איז שווער אז א מענטש זאל האבן א נארמאלער סיסטעם, אז ער רייכערט נאר כך וכך א טאג, למשל פינף, וואס אויף דעם איז דא א שטודיע נאך אויף היינטיגע צייטן, וואס די לופט איז פול מיט פאלושן, אז ס'י פעלט זיך אויס פאר דעם באדי' סיסטעם, סאו ממילא שרייען זיי אלע אז די ערשטע ציגרעטל איז סם המות, וכו'.

**כיטובס03** • 15טן נאוועמבער 2005

למעשה ביסטו מודה אז עס איז א פראבלעם,

איך האב געהאט א שטארקע מלחמה מיט מיר אליינס (און - ס'זאל נישט אויסגערעדט זיין- מיין ווייב) און שוין זעקס יאר צו גוטן וואס איך האב נישט אריינגענומען אין מויל קיין ציגאר.

איך קען אייך זאגן איין זאך, ווי גוט איך האב מיך געשפירט נאכן רייכערן, פיל איך יעצט אסאך בעסער.

**קרעמער** • 15טן נאוועמבער 2005

כיטובו03;

דו ביסט אפשר א נביא? א תופס מחשבות? פונקט היינט האב איך געוואלט גרינדן אן אשכול וואס זאל דעבאטירן אט דעם נושא פון רייכערן.

די איינציגע סיבה פארוואס איך האב זיך צוריקגעהאלטן פון דעם טאן איז: ווייל מיר פארמאגן דא צווישן די ליינער עטליכע שווערע רויכערער, און איך האב זיי נישט געוואלט קריכן אויף דעם הינער אויג (אויב דאס איז נאכנישט אוועק ביי זיי מיטן רויך).

אבער אז איר ברענגט דאס שוין אויף, וויל איך טאקע ארויסברענגען מיין עקל און אפשיי פון רויכערער... אנטשולדיגט מיר, איך האב גארנישט קעגן אייך פערזענליך, אבער דער רויך וואס קומט ארויס פון אייער ציגארעטל און די געררוך דערפון, זיי הרג'נען מיר (אויסער וואס זיי ממית'ן אייער געזונט, און דאס פון אייער ווייב און קינדער).

דא האט איר איין זייט פון דער דעבאטע. יעצט לאמיר הערן וואס איר האט צו זאגן.

**נאטורליך** • 15טן נאוועמבער 2005

קרעמער, איך בין מיט דיר. רויכערן איז ביי מיר א גרויל.

ביי אונז אין אפיס ארבעט א נישט אידישע פרוי און זי רייכערט, זי ווייסט אז זי וויל צו מיר אריין קומען מיז זי ערשט פארלעשן דעם קוימען.

**פארברענגן** • 15טן נאוועמבער 2005

קרעמער איך בין אלל דע ווער מיט דיר,

איך עקיל מיך זייער פין איינעם וואס רייכערט, אויף אזוי ווייט.... איינער וואס רייכערט געב איך נישט קיין היטש מיט מיין קאר, און דאס מיין איך וועט איר אלע מודה זיין צו מיר, אז דאס ערגסטע איז אין די פאבליק טולעטס, וואס דארט איז עס ממש נישט אויס צו האלטן.

**התאחדות** • 15טן נאוועמבער 2005

חברה איין זאך האט איר שוין זיכער אויפגעטון, וועלנדיג שרייבן די תגובה האב איך פארלאשן דעם ציגרעטל ביי האלבן.

אז פארברענגן האט שוין דערמאנט א היטש, וויל איך אייך עפעס פרעגן, איך פיר זיך צו געבן אסאך היטשעס, דאס איז איינע פון מיינע מצות, סאו מיין שאלה איז ווען איך האלט אינמיטן מיין ציגרעטל, איך מיין צו זאגן צופרי די צווייטע, און ביינאכט די פינפטע, און איך וויל געבן א היטש, בין איך מחויב אויסצולעשן דעם ציגרעטל, אדער בעסער נישט געבן קיין היטש.

אסאך מאל גייט עס מיר ממש אויף די נערוון, ווען איך זע א איד וואס שטייט אויף א היטש און איך בין אים חושד אז ער וועט מיר פארהאלטן פארוואס איך רייכער, יעמאלט געב איך אים דוקא יא א היטש, און איך וויל אים מסביר זיין מיין אויבנדערמאנטע הסבר, אבער ליידער לא איסתייע מילתא, קיינער האט מיר נאך נישט געזאגט קיין ווארט

**שנאפס** • 15טן נאוועמבער 2005

נאך פאר איך האב געהאט צייט אפצוליינען דעם אשכול האט מיר דער דראנג פאר א ציגארעטל אנגעפאנגען אזוי שטארק נאגן אז יך עס איבער געלאזט אינדערמיט און...

**זארעכפעפער** • 15טן נאוועמבער 2005

איך בין גראדע יא א רויכערער און איך פלאן כלל נישט אויפצוהערן!

ס'נישט אזוי געפערלעך ווי מ'מאכט דאס, איך זאג נישט, איך ווייס אויך ס'נישט עפעס דאס געזונטסטע זאך, אבער ס'נישט אזוי געפערלעך.

די פראפעגאנדע וואס מ'מאכט דערקעגן, די נאכאנאדיגע רעקלאמעס דערקעגן, וואס מען זעט כסדר, דאס איז א גרויס חלק פארוואס רוב מענטשן זענען דערקעגן.

אפשר קענט איר מיר זאגן וויפיל מענטשן איר קענט וואס זענען נישט געזונט נאר צוליב דער סיבה פון רויכערן?

און יא... אהא... די וואס זיי שטייען נעבן רויכערער איז נאך סאך ערגער.

פון וואו ווייסטו?

ס'הייסט פון וואו? ווייל רוב מתים האבן דאך נישט גערייכערט... אלא מאי מיז מען זאגן זענען געשטאנען נעבן רויכערער.

יא, אז דער ריח שטערט פאר מענטשן, דאס פארשטיי איך. איך רייכער טאקע נישט אויף א פלאץ ווי ס'קען איינעם שטערן.

**jewboy** • 15טן נאוועמבער 2005

איך בין אויך א סמאקער.

איך רייכער נישט אינדערהיים, און בין זיך משתדל נישט צו רויכערן נעבן מיין רעבצין.

די אלע דאקטורים און פראפעסער'ס וואס שרייען מ'זאל נישט רייכערן, זיי אליין ס'רייכערן אויך.

אמאל פלעג איך רייכערן 2-3 פעקלעך א טאג, היינטיגע צייטן שוין ווייניגער, ווענדט זיך ווי בארד איך בין.

**not2bz** • 15טן נאוועמבער 2005

אזוי ווי קרעמער האט נישט געוואלט זיין דער ערשטער וואס איז קעגן ציגרעטלך האב איך נישט געוואלט זיין די ערשטער וואס נעמט זיך אן פאר ציגרעטלך

געליבט איז דער וואס האט אויסגעטראפן די זאך ציגרעטלך

א געווענליכן טאג רייכער איך 10-15 ציגרעטלך א טאג וואס די קרעטשמע איז לייזיג רייכער איך 15-20 ציגרעטלך

**sushi123** • 16טן נאוועמבער 2005

איך האב גערעדט צו איינעם היינט, זאגט ער מיר: די סיבה פארוואס איך רייכער נישט איז ווייל איך דארף שיינע 'פינקע' לונגען, די וואס רייכערן האבן גרויליגע שווארצע לונגען.

**sushi123** • 16טן נאוועמבער 2005

עס איז באקאנט אז דער צאנזער רב פלעגט רייכערן (קרעמער: קארעקט מי איך איים ראנג) ער האט זיך אמאל אויסגעדריקט „גערייכערטע פלייש האלט זיך לענגער“

**קרעמער** • 17טן נאוועמבער 2005

[פאַרקירצט]

איך קענט מיר רופן ראסיסט, אידן-פיינט, וכל שם וחניכא דאית להו. אבער ווען איך זע אן ארץ ישראל'דיגן איד גיין נאך געלט אין בית המדרש, און איך געב אים – לאמיר זאגן – א טאלער (אי"ה אין אן אנדער געלעגנהייט וועלן מיר פונקטליך אויסשמועסן איוב, ווען, און וויפיל איך געב פאר צדקה), דאן גיי איך ארויס אין גאס און איך באמערק דעם איד פארררייכערן א ציגארעטל...

איך שפיר ווי ער האט צוואמגעדרייט מיין דאלער און דאס אנגעציינדן ביים עק און אויסגעווארט ביז עס גייט אוועק מיטן רויך!

יא, איך ווייס פון דער הלכה אז מען ברויך צושטעלן פאר אן ארימאן אפילו א פערד צו רייטן דערויף. אבער מיט מיין איינזייטיגן אומרייכערער בליק באטראכט איך אים ווי א מאביד עצמו לדעת!

זאל ער זיך מאכן א חשבון פעדער און פאפיר און אויסרעכענען וויפיל געלט עס גייט אים אוועק מיטן רויך, וועט ער זען אז איין נסיעה קיין אמעריקע וואלט ער זיך איינגעשפארט (איך וויל אים נישט אוועקנעמען די וואקאציע פון זיין ווייב ח"ו... אבער ער וואלט געקענט סתם אהערקומען אן ארומלויפן יעדן צופריה אין די שולן).

**התאחדות** • 17טן נאוועמבער 2005

אפשר זאל ער מאכן א חשבון וויפיל געלט סיגייט אים אויס פאר עסן מיטאג אלע טאג, וואס גייט אלע טאג אין זיין בויך אריין?

מ'קען זיך באגיין אן מיטאג, פונקט וואו מ'קען זיך באגיין אן א ציגרעטל.

**קרעמער** • 18טן נאָוועמבער 2005

מ'קען זיך באַגיין אָן מיטאָג?

איך האָב היינט געהאַט ב"ה א נאַרהאַפטיגן פרישטאָג, א נאַרהאַפטיגע מיטאָג, און... איך בין יעצט הונגעריג ווי א בער... גרייט איינצושלינגען וואָס עס קומט אונטער דער האַנט.

**וויסנשאַפט • מעדיצין**

# בדמייך חיי: הלכות הקזת הדם

אין זיבן „סעיפים" און מיט א פולן קאַסטן מליצות ערקלערט א פלעבאָטאָמיסט ווי אַזוי מען האָט אמאָל געלאָזט בלוט, און ווי אַזוי מען נעמט היינט בלוט פאַר א טעסט. די הקדמה איז פאַרקירצט.

פון **הערשי**

קאַווע שטיבל • וויסנשאַפט • „בדמייך חיי" • 12טן יולי 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/4263.html

[פאַרקירצט]

כשעלה ברצוני יא צו שרייבן, האָט זיך מיר געֿספק'ט מאימתי, פון וואו אנצוהייבן, באשר מיני דמים הן הרבה און דער סוגיא איז ברייט און טיף. האָב איך זיך מיישב געווען צו זיין א הדבק במדותיו. מה הוא מבראשית אף אני מבראשית, אבער נישט מבראשית ברא, דהיינו נישט ממקור הדמים, נאָר משעת לקיטתן, דאָס הייסט הקזה.

## צירקולאַציע

בלוט פליסט אין די אדערן. פשיטא! אבער ניין. גאָלען, דער לעצטער אוטאָריטעט בעיניי רפואה פאַר הונדערטער יאָרן, האָט ווייט נישט ארויסגעהאַט דעם בלוט צירקולאַציע סיסטעם, ארטעריעס, אדערן, האַרץ, לונגען ואביזרהו. די מעשה גייט אַז אין יאָר רנ"ב, שנת גירוש ספרד ומציאות עולם החדש, איז פויפסט אינאָסענט השמיני קראַנק געוואָרן בחליו אשר ימות בו. אמרו לו איצטגניניו אַז תרופה למכתו נאָר מ'זאָל אַזוי דוקא זיין דריי באַ'חנ'טע קינדערלעך און אריינגיסן זייערע לויטער בלוט אין פיסק פונעם רוימישן צדיק ותעלה לו ארוכה. ממש ווי פרעה, שוחט תינוקות ורוחץ בדמם, און ווי דער פסוק זאָגט הלעיטני מן האדום האדום הזה על כן קרא שמו אדום. למעשה האָט עס געהאָלפן ווי אויף א טויטן באַנקעס, אדער ווי אויף א גוסס בלוט אין די קישקעס, ושבק חיים, ואתו עמו כלומר אליו הילדים אשר חנן, אבער נישט פאַר מ'האָט זיי געצאָלט צו יעדער איין דוקאַט.

צי די מעשה איז אמת אדער פראָסט פראָפּאַגאַנדע דונגען זיך היסטאָריקער. וואָס איז מסתמא יאָ אמת, ווי דער שטייגער איז ביי בלבולים, איז דער אינטערשלאַג. א מעשה לאָזט זיך פאַרקויפן אויב אלס ארום איז וואָר. די מיטלאַלטער טעאָריעס, איבער אלס און אלעמען, האָבן זיך געדרייט ארום ד' יסודות, ד' ליחות, י"ב מזלות, ז' מיני מתכות, ז' ימים, ז' כוכבי לכת, קר וחם לח ויבש, און אלס איז געווען פאַרקניפּט און געבינדן אין איין גרויסער געוועב פון משפיעים ומקבלים, יסודות והרכבות, גוף ונפש, דורכגעקאָכט און אויסגעדרייגעלט מפי ספרים וסופרים גריכיש, קריסטליך, אַראַביש, און אידיש. איך זוך צו הערן דברים של טעם, אדרבא, אפשר קען דאָ איינער מסביר זיין, וואָס פונקטליך מיינען גידין, ערקין, וורדין לויט די מקורות. פאַרוואָס זענען גידין קשה כעץ, און גיד הנשה איז דאָך א נערוו נישט קיין אדער, און וואָס איז דער חשבון פון שס"ה גידין לפי חכמת הניתוח, און וואָס איז פשט דם נבלע באברים.

הפנים, בלוט גלייך אין מויל אריין איז נישט געווען קיין ווילדער געדאַנק. ס'נישט גרינג צו לערנען צירקולאַציע דורך ניתוחי מתים ווייל אַן קיין דרוק פּאַלן איין די אדערן. ווי אויך פעלט זיך אויס בדיקת תולעים אויגן צו זען און צו ארויסהאָבן דאָס גאַנצע סיסטעם. בכלל פלעגט מען דאָך נישט שניידן צוליב השארת

הנפש. ס'האט נישט קיינעם אינטערסירט צו וויסן מער ווי די פריערדיגע און צי זענען מיר דען קלוגער פון גאלען?

עד שבא וויליאם הארווי ולימד בספרו „רחשי לב“, נדפס בק"ק פרנקפורט בשנת שפ"ח לפ"ק ביים גרויסן ספרים יאריד, די פונדאמענטן פונעם בלוט צירקולאציע טעאריע וואס מיר האבן היינט.

נעמליך, די צירקולאציע איז א פארמאכטן פלומבינג סיסטעם, אין יוצא ואין בא. דאס בלוט ווערט געפירט אוועק פון הארץ דורך רערן גערופן ארטעריס. ארטעריס זענען שטארק און דורהאפטיג און קענען ביישטיין די הויכע דרוק אונטער וואס בלוט ווערט געשפריצט ארויס פון הארץ. די הויפט ארטערי איז די עארטא, ומשם יפרד והיה לארבעה ראשים, שרי אלפים, שרי מאות, ושרי עשרות. וואס א צווייג ווייטער ווערן די אדערן אלס קלענער און שמעלער און דער דרוק לאזט נאך. ביים סוף זענען די אדערן, גערופן קאפילאריעס, גאר קליין און דינטשיק און מיקראסקאפיש ממש, און דארט גייען די בלוט צעלן אריבער כבני מרון איינס אויפאמאל. די קאפילאריעס פארמאגן לעכער (כדי לשבר את האוזן), גענוג קליין נישט אריבערצולאזן קיין צעלן און גרויסע פראטינס, אבער גענוג גרויס יא אריבער צו לאזן וואסער, גאזן, און שפייז מאלעקיולס. אריבער די אנדערע זייט פון די קאפילירייעס הייבן זיך אן די אדערן גערופן וועינס. די וועינס ווערן כסדר דיקער און ברייטער, על דרך די ארטעריעס נאר קאפויער פון אונטן ארויף, ביז אלע צווייגן קומען זיך צונויף צו צוויי גרויסע אדערן וועלכע גיסן אריין אינעם הארץ. דאס בלוט אין די ארעטריעס ווערט געטריבן דורך פיזישע דרוק (אלגעמיינע בלוט דרוק). דאס בלוט אין די אדערן ווערט געפירט דורך א רייע מוסקלען, סיי אין די ווענט פון די אדערן גופא און סיי קערפערליכע מוסקלען (דערפאר איז רעקאמענדירט זיך אויפצושטעלן פון בענקל פון צייט צו צייט זיך אויסצוציען די גלידער).

## מלאכת ההקזה

ווי מיר טרעפן אפט אין גמרא, פלעגט דער עולם זיך לאזן בלוטיגן אין גרויסן. ס'האט געהייסן אז אלע מיחוש'ן קומען פון אומבאלאנץ אין די ליחות'ער, און ארויסלאזן אביסל פון דעם פארגיפטן בלוט וועט ערלויבן דעם קערפער זיך צוריק שטעלן אויף די פיס. ס'איז געווען א פראצעדור מיט הכנות פאר דעם און סעודות נאכדעם. אן אפגעבלוטיגטער איז געווען א חולה מסוכן, זאגט דער גמרא, פארוועם חילול שבת איז מותר. אולי יש לומר ס'געווען א סכנה פון אינפעקציע און נישט בלויז אנעמיע. ס'האט געקענט קומען עדי כדי כך אז מען זאלן ברויכן א בלוטונג זיך צו היילן.

דער אופן הבלוטונג איז געווען מיט א מעסערל און א שיסל. דער אומנא פלעגט ארומשניידן דעם ארעם, אראפציר אדער ארויפציר, אויבערפלעכליך אדער אביסל טיפער, הלוך וחתוך עד זוב דם.

קבלת הדם איז געווען אין דעם בעקן און האט געהאט א דין ווי מכות וויין, אחוץ מ'האט געדארפט מעסטן וויפיל בלוט מ'האט פארגאסן, א פינט צו צוויי, לכל מראה עיני הכהן. שפעטער האט מען פאבריצירט מער צוגעפאסטע געצייגן צו דער מלאכה. און ווי קען מען פארגעסן פון באנקעס? קליינע בלוטזויגער פשוטו כמשמעו. אין אייראפע פלעגן די בארבער זיין די אומנין, און ביידע מלאכות זענען געווען אונטער איין גילד (יוניאן). די בארבער סלופ, רויט בלוי און ווייס, וואס מען זעט נאך היינט אין אמעריקע, סיבאליזירט בלוטזויגערייי. דאס געצאפעריי האט אנגעהאלטן ביז דער מאדערנער צייט, אפילו נאכדעם ווי די ליחות טעאריע איז מער נישט געווען גאנגבאר.

בזמן הזה, הייסט די פאך פלעבאטאמי, וואס טייטש אדער-שניידן. פלעבאטאמי טוט מען מער נישט דירעקט לצורך רפואה, נאר אין פאל פון צופיל אייזן אין דעם בלוט. היינט נעמט מען בלוט צו דיאגנאזירן. בלוט לצורך גופו נישט לצורך מקומו. פלעבאטאמיסטס קענען זיין דאקטוירים, נורסעס, לאבראטאריע טעכניקער, אדער בלויז פלאבאטאמיסטס. אין ניו יארק ברויך מען א סערטיפיקאט אויף צו פראקטיצירן.

## מקום ההקזה

מעיקר הדין קען מען שעפן בלוט סיי אימער מען קען צוקומען צו לעכערן אן אדער. אבל אמרו חכמים צו נעמען לכתחילה פון די דריי וועינס וואס ליפן אין ארעם אונטער דער הויט, והמהדרין זוכן נאך די „מידיען קיוביטל וועין“ דייקא, מלפנים די עלנבויגן. ומה נשתנו אלו מאלו? פשוט, ארטעריעס זענען טיף אונטער דער הויט, ווייטאגן ביטערליך וען געטשעפעט, זענען יורה כחץ, און פלאטערן א דופק, איז וואס זיך זוכן צרות? אויב פעלט אויס צו שטודירן די מאס אקסיגען אין דעם בלוט גייט מען יא צו אן ארטעריע, געווענליך אין די געלענק, אבער דאס איז אן אנדערע פאך אנגאנצן. פארקאטשן די ארבל איז בילכער ווי אראפציען די הויזן, פאר דער מערהייט פאציענטן, עכ"פ. בשעת הדחק הגדול, קען מען נעמען פון א דיכט. בשעת הדחק קטן, פון דעם רוקן פון האנט. פון פיצלעך נעמט מען פון פערשט, אבער דאס איז פון קאפעלעריעס, נישט פון קיין וועין. ווי אויך די היים אינטרומענטן צו מעסטן בלוט צוקער וכדומה, לעכערט קאפילעריעס.

פלעבאטאמי איז א חכמה ואינה מלאכה, און חכמה מיין איך נישט ווינסשאפט, נאר פאכמאנשאפט. פונקט ווי די חכמה פון תקיעת שופר שטעקט נישט אין וויסן אלע שיטות אין שיעור תרועה, נאר אין בלאזן אז ס'זאל שאלן, כן הדבר הזה. די וועינס זענען נישט ביי אלעמען אייניג. כאטש ס'איז אין פרצופיהם שווין, דאך איז אלעמאל די נאז אין צענטער פון געזיכט, אזוי בין מגדל ובין הים לפני פי החירות. די מעשה מיט וועסקיולער טישו, ד.ה. די אדערן, איז ווי ביי בוים ווארצלען. ס'וואקס וואו אימער מ'גיבט

עס א מקום להתגדר בו. ועל אלה אני בוכיה, א קענסער טומער קען זיך צעוואקסן נאר א דאנק די אדערן וואס שלענגלען זיך אריין דערין און פיטערן דעם טיגער. דערפאר ביי יעדן ארעם ברויך מען באזונדער צו קוועטשן און רוקן און דרוקן און אפקרעכצן, אוי, ווער איז געווען דיין 'לעקטערישן?

חוש המישוש איז מער פערלעסליך ווי חוש הראות. צומאל זעט דער פאציענט אן אדער שטארצן בלוי און שמייכלדיג אבער די פלעבאטאמיסט איז פארנומען באטאפן סביב סביב לה. אל תביט אל מראהו, דאס איז א קליינטשיקער איבערפלעכליכער ווען, ענג כחודו של מחט און טראפט א מקור אכזב. מ'דארף עס צו שפירן, שטייף און רונד, און שאצן דעם שיעור אלכסון, עומקה רוחבה ועוביה, און אט דאס איז דער חכמה.

## את המזרק ואת בליו

ארעמבאנד. דאס בינד מען ארום הדק היטב דעם בשר התפוח צו פארשטייטערן דעם בלוט פלוס אויפן וועג צוריק צום הארץ. די תועלת דערפון איז א דאפעלטע. איינס די אדערן זענען גרינגער צו געפונען ווען זיי טאנצן ארויס צוליב דעם דרוק. צוויי, ווען מען שטעכט שוין שפריצט עס כנחל נובע, ע"ד די שטופערישע קינדער וועלכע טרעטן אויף דעם שווים-באסיין שלויך צו אפשטעלן דעם וואסער פלוס און צו שפריצן אזוי משתין בקיר. ס'נישט כדאי צו לאזן דעם ארעמבאנד פארפעסטיגט פאר צו לאנג, ספעציעל ווען דער טעסט איז א CBC, ווייל דאס בלוט ווערט געדעכט דורכדעם וואס דער חלק המים גליטש זיך ליבערשט אדורך די בלאקאדע ווי די צעלן. דער שיעור ווערט געברענגט אלס פחות מכזית בכדי אכילת פרס: איין מינוט. למעשה, אויב דאס בלוט קריכט אריין אין פלעשל נישט ממש כססוים זרמתם, יש מקום להקל. בכל אופן, חליצת של יד איז אייביג קודמת להוצאת כף ומחתה. אז מען שלעפט ארויס דעם נאדל ואזור חגור עליו, גייט שפריצן ווי ביי די כפרות. בדוק ומנוסה.

יין שרף. אלקאהאל איז תמיד וויכטיג להומם ולאבדם, די מיקראבן, דאס הייסט. דאס מענטשליך הויט איז א זן ומפרנס פיל בריות, בעיקר מער צו דער זייט אויף ביצי כנים. מיליאנען פיצינקע אשר לא ימנה ואל יספר מרוב. און דאך לעבט מען א גוטן טאג מ'ווייסט נישט פון קיין צרות צוזאגן. אז, ס'זאל זיך נישט מאכן, מען באקומט א שניט, א קראץ, א פליק, מ'וואשט עס יא אויס מיט פעראקסייד אדער נישט, און דער בעל דבר איז א בריא אולם, נעמט זיין אמיון איבער דעם קעיס ולא נודע כי באו אל קרבנה. טאמער חלילה די אימיון הינקעט אונטער איז מען אויף ציפקע צרות, ווייל מיקראבן אין דעם בלוט איז נישט קיין מוציא מיט האניג.

מ'קען נישט סטעריליזין די הויט, סיידן דורך וויקן אין בליטש, און פרובירט דאס נישט צוטאן אינדערהיים. די אלקאהאל, בנוסף מיטן רייבן, טוט אויף אזויפיל לזנב כל הנחשלים. ס'איז אן ענין פון השתדלות, ווייל ווי געשמועסט, מ'קען זיך ממילא נישט אויסהיטן פון אריינדרינגער מבקשים להמיתו, ואלמלי אמיון בעוזרו אין יכול לו. סייווי ווערט דאך דאס בלוט געצויגן דורך וואקום, ממילא מיט גייענדיג מיטן שטראם, זענען די מיקראבן מער געגויגט אריינצוטאנצן אין פלעשל ווי אריינקריכן אין אדער אריין.

ודע, שעיקר ענין פונעם ציפ וואס מען שפירט ביים שטאך אינה באה אלא מן היי"ש. ס'דא אומנין וועלכע פארווישן די אלקהאל מיט וואטע. אנדערע פאכן א ווינטל ווי חסידישע אידן ביים פארלעשן ליכט. און אנדערע שטעכן אריין ווען ס'נאך טופח על מנת להטפיח און ס'ציפקעט טאקע ווי ביי מרור. ודע עוד, אז ווייטאג שפירט מען אין דער הויט וואו ס'דא רויע נערוון. די אדער האט נישט קיינע נערוון און איז אינו מרגש באומל. אז דער אומנא ציט אויס די הויט ווי א פויקל במקום החתך, ווערן די נערוון פארטעמפט און מ'שפירט נישט מער ווי א קיצל, ועל כגון דא איתמר חכמה ואינה מלאכה.

## את המחט ואת כנו

וזאת לפנים, א סירינדש פון גלאז, ובראשו א נאדל דורכגעלעכערט בנקב מפולש, אינעם סירינדש איז געווען א שפרונגער פארזיגעלט מיט גומי. ווען מען האט געצויגן דעם שפרונגער איז געווארן געשאפן א וואקום וואס האט געזויגן דאס בלוט אריין אינעם סירינדש. נאכן ארויסשלעפן דעם נאדל פון אדער, האט מען אראפגעדרוקט דעם שפרונגער און אריין געשפריצט דאס בלוט אין א פלעשל. די נאדל און סירינדש האט מען דאן איינגעווייקט אין בליטש וואסער און גע'כשר'ט אויף איבערצונוצן בין גברא לגברא. עידס און העפעטייטעס זענען נאך דאן געווען כל המחלה אשר שמתי לא אשים עליך.

היינט איז אן אנדער וועלט. ס'א וועלט מיט קרענק און מיט פלאסטישע כלים. גארנישט נוצט מען נישט איבער. נאדלען זענען אלע ניי און מוזן קומען מיט פלאסטישע העלזער צו פארדעקן חודו של מחט אויפן ארט. ס'דא גאנצעטע פראטאקאלן אין פאל א פלעבאטאמיסט צעשטעכט זיך מיט א גענוצט נאדל. דאס גאנצע שפיטאל שטעלט זיך אויף די אונטערשטע פיס.

נאדלען קומען אין פארשידענע מאסן. ווי גרעסער די מאס נומער אלס קלענער די נאדל לאך. געווענטליך נוצט מען א 23. קינדער אדער פאציענטן מיט צעקראכענע ארעמעס פארלאנגען א פינף-און-צוואנציגער. בלוט נדבנים שטעכט מען מיט א קליינעם נומער, מער א מרצע ווי א נאדל. גרעסערע נאדלען מאכן שנעלער דעם זשאב, אבער לאזן איבער א וואונד כגריס. קליינע נאדלען זענען מער עלול צו צעפליקן די צעלן. ביי בלוט נדבות וואו צעבראכענע צעלן זענען אזוי נוצבאר אויף טארנספיוזשן ווי

צעבראכענע מצות אויף לחם משנה, ווי אויך זויגט מען כחצי ליטרא, פעלט זיך אויס אזא פילא דעייל בקופא דמחטא. פלאטערלעך קומען מיט קליינע נאדלען און לאנגע קאטשקע העלזער, ספעציעל געאייגענט פאר שווערערע פעלער וואו מ'קען זיך נישט באכלעפטשען מיט געהעריגע געציינגן, למשל א שטאך אויף דער האנט. ס'קאסט טאקע אכט מאל די פרייז פון פשוטע נאדלען, אבער ווי זאגט יום טוב עהרליך, „ס'איז טייער, אבער ס'איז ווערד."

דאס פלעשל ווערט צוגעטשעפעט צום נאדל דירעקט, אדער דורך אן אדאפטער, א באזונדערע פלאסיטשע כלי. די פלעשער זענען לער אין בו אויר. אויר אין בו אבל וועקום יש בו. דער וועקום איז דער כוח וואס ציט אריין דאס בלוט.

## די פלעשאלאך

די פכים קטנים זענען א מסכת קטנה פאר זיך. BD, דער גרעסטער פאבריצירער פון זויגן קליפערלעך האט אזא צוויי צענדליג סארטן אויפן מארק. וואס איז דער מעשה? ווי באקאנט, ווייסט דאך יעדער פון דעם סדר העבודה ליו"כ, אז בלוט דארף האבן א ממרס אז נישט ווערט עס נקרש. אזוי איז דער טבע פון בלוט ווען ס'קריכט ארויס פון די אדערן, אז ס'ווערט פארליווערט. צומאל גליווערט זיך עס אזוי מלגיו, ממש דאס בלוט ווערט פארגליווערט אין די אדערן, און דאן קומט אריין קומעדין און לאווענאקס און ווייסעך וואס, מ'זאל נישט וויסן. הימאסטאסיס, אזוי הייסט די חכמת קירוש הדם, איז א לאנגע פרשה פאר זיך, און גאר א שיין סדרה, אז איר פרעגט מיר.

הפנים, דם שלקה איז נישט קיין תכלית אין דער לאבאראטאריע. מען דארף האבן נוזלים. לאור זאת, זענען די פלעשער באשמירט מיט כעמיקאלן וואס שטערן די פארגליווערונג פראצעדור. די כעמיקאלן הייסן אנטי-קאאגיולאנטס (א"ק). נישט אלע א"ק קען מען נוצן פאר אלע טעסטן וואס מ'פירט דורך. איין א"ק פארקרומט דאס אויסזען פון די צעלן, ממילא איז דאס נפסל פאר CBC. אן אנדערע עסט אוועק די קאלציום און איז דערפאר אומנוצבאר צו מעסטן קאלציום אין דעם בלוט. א דריטע א"ק פארמאגט סאדיום. אופס, נישט נאמן צו מעסטן סאדיום. ווידער אן א"ק הרג'ט אפּ דאס גאנצע פארגליווערונג סיסטעם. פארשטייט זיך אז מ'קען דאס נישט נוצן צו טעסטן די דאזע קומעדין צו געבן. יעדעס א"ק האט זיך זיינע מעלות און חסרונות ולא ראי זה כראי זה. ס'אפילו דא פלעשער וואס זענען כדים רקים און זענען געאייגענט פאר טעסטן וואס ברויכן דייקא יא נקרש. ווען די פלאש ווערט פיל דארף מען עס בייגן מעלה מטה ומטה ומעלה עד שנבלל יפה יפה. טייל מאל זענען פלעבאטאמיסטס פויל צו מישן און ס'ווערן נולד אזוינע קניפלעך אין פלעשל וואס פארשטאפּן די טעסט מאשינען און ס'גייען קללות.

פלעשער קומען אין קאלירן. יעדעס קאליר באצייכענט אן אנדער א"ק. ס'דא כמה קאלירן, הויפטזעכליך אבער, חמשה מראות הדמים הן, ואלו הן:

- לילא: גייט צו העמאטאלאגיע פאר CBC, הימאגלאבין, פאר צוקער-ליידנדע A1C טעסטס, וכו'
- בלוי: גייט צו קאאגולאציע פאר פארגליווערונג טעסטס
- גרוי: גייט צו כעמיע פאר צוקער טעסטס. די גרוי האט, אחוץ א"ק, א כעמיקאל וואס שטערט די בלוט צעלן פון פרעסן די צוקער אין פלעשל.
- רויט: האט נישט קיין א"ק. גייט צו כעמיע, צום בלוט באנק, אדער גייט אין מיסט קאסטן.
- גרין: גייט צו כעמיע פאר כלערליי טעסטן ושאר ירקות

מיינט אבער נישט אז ס'גייט צו א ותקרבון אלי כולכם נערים דוחפים זקנים. אלעס קומט מיט א סדר המערכה, זו קודמת לזו, וטעמו ונמוקו עמו. בלוי האט א דין קדימה, ווייל כמה דאפשר למהר העמאסטאסיס שטודיעס ממהרין. אפילו א קליין קניפל קען דראמאטיש טוישן טעסט רעזולטאטן. ולהוי ידוע אז איין שלעכטער דאזע אין קומעדין קען אפהרגענען א מענטשן אזוי גרינג ווי צדיקים האבן געקענט אוועקלייגן א שונא ישראל.

די צווייטע הקפדה איז נישט צו אריבערצופירן א"ק פון איין פלעשל צום אנדערן. אויב די נאדל ווערט פארשמירט מיט א"ק פון פלאש א', קען זיך דאך א משהו איבערכאפּן צו פלאש ב', און ניין, ס'ווערט נישט בטל. דערפאר האט מען מתקן געווען אז וואס וויניגער שעדליך די א"ק צו אנדערע טעסטן זאל גיין פריער. נאך בלוי קומט רויט, ווייל רויט האט דאך גארנישט. והבאים אחריו, גרין קודמת ללילא, ולילא קודמת לגרוי.

ס'דא נאך סארטן פלעשער. א פלאש צו מעסטן בילירובין דארף זיין טונקל. א פלאש צו מעסטן בליי פארפעסטיגונג דארף זיין ריין פון א משהו בליי. ס'דא א פלאש אין קאאגולאציע, שווארץ אין קאליר, וואס אנהאלט ארסו של נחש. איין קורטוב גיפט פארגליווערט דאס בלוט אין סעקונדעס צו א מקשה אחת, נישט קיין נפקא מינה מיט וויפיל קומאדין מ'האט זיך אנגעטרונקען. איר קענט זיך פארשטעלן וואס פאסירט אין א בעל חי נאך אזא ביס.

צומאל פעלט אויס צו משנה ממטבע שטבעו חכמים. איין ביישפיל, ווען מען נוצט א פלאטערל שטראמט דאך קודם אריין די לופט פון דעם קאטשקע העלזעל, קומט דאך אויס אז דאס פלעשל פילט זיך נישט אן כולו מיט בלוט. און דאס זאלט איר וויסן אז א בלוי פלעשל מוז זיין מלא על גדותיו. ס'אויסגערעכענט פונקטליך ניין חלקים בלוט צו איין חלק א"ק. ממילא, מוז בלוי זיין צווייט אין רייע. און אויב ציט מען בלויז א בלוי, שטעקט מען איין צום ערשט א רויטערל.

### גומר זיין

אפגעזויגן, באנדאזשירט מען מיט וואטע און קלעפּ. א וואויל אינגל קריגט סטיקער באנדאזשן, איינס אויפן ארעם, איינס אויפן שטערן, און נאך איינס פאר דער שוועסטער. אז איר ווילט נישט דוקא אן ארעם בלוי געל און ברוין, לכה ואיעצך וואס צו טאן. לייגט דרוק אויפן וואונד, תיכף ומיד, ותיכף לשחיטה סמיכה. ווען איך זאג דרוק, מיין איך טאקע דרוק כמו שכתוב, קורות בית הבד סארט דרוק, נאר נישט אז דאס ארעם זאל זיך צעברעקלען. ביילן געשעט ווען בלוט רינט ארויס אונטער דער הויט. אז מ'איז סותם די פתוחות פארהיילט זיך די וואונד אין צוויי דריי מינוט אן קיינע באנדאזשן. וואטע זאלט איר נוצן פאר בדי שושנה.

די הלכה פארלאנגט אויסדריקליך אז די לעבעלס זאלן ווערן ארויפגעקלעבט אויף די פלעשער פארנט פונעם פאציענט משום מעשיות שהיו. ס'האט שוין פאסירט אז פלעשער פון עטליכע פאציענטן זענען געשטעלט געווארן אויפן באנק אדער אויפן וואגן ונתערבו דמים בדמים ובאו לידי סכנה. אז די פלעבאטאמיסט צעגערט מיט ווישן און וואשן און שיקט אייך לופטערן בעפארן קלעבן, דארפט איך זיך נישט שעמען צו זיין תובע בפה בפני נכתב ובפני נחתם. היי, ס'איז אייער בלוט און געזונט.

בצאתו מן הקודש, גייט מען אהיים און מ'הייסט די ווייב אפבראטן בשרא סומקא אגומרי, ווי ס'שטייט אין דער גמרא אז מ'דארף עסן נאך דער הקזה. יעדער זאל פרעגן זיין רב אויב אין די ניין טעג איז אויך מותר.

בלייבט מיר אלע געזונט.

**היסטאריע • מגיפות**

# רינג א ראהנד אף רויזי

דער קינדער־ניגון וואס אלע זינגען, און די שרעקליכע געשיכטע הינטער אים: דער שווארצער טויט פון 1347, און וואס ער האט געמיינט פאר די אידן. מיט עטליכע תגובות פון די ליינער. די אונגערישע אויסשפראך פונעם שרייבער (פין, צים, ציריק) איז געבליבן.

פון **פליקער און אנדערע**

קאווע שטיבל • היסטאריע • „ring a round of rosy“ • 19טן–20סטן מערץ 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/6120.html

**פליקער** • 19טן מערץ 2014

רינג א ראהנד אף רויזי,
א פאקעט פול אפ פאזי,
עשעש עשעש
ווי אלל פאלל דאהן.

יעדער קען דעם ניגון, אלע קינדערלעך דרייען זיך ארים דערמיט געוועינטלעך, איז דעים דער ערשטער זינג וואס א קינד זינגט, יעדער ארים איז דערפין פריילעך, יעדער האט הנאה ווי מען דרייט זיך ארים און מען פאלט אויף דער ערד, מען לאכט, מען רעקארדירט עס, מען טיט דאס נאך א מאל, ביז מען וואקסט דאס אויס.

ווייסט איינער וואס דער באדייט פינעם אזוי באקאנטן פאלקס לידעל, ווי ביטער איז ווען מיר ווערן געוואויער די באדייט.

אינעם פערצענטן יאר הינדערט, האט אויס געבראכן א געפערליכע מגיפה, מען האט דאס געריפן דער שווארצער טויט, און משך פון צוויי יאר האט דאס אויסגעהרג'ט איבער צוואנציג מיליאן מענטשן, אריבער גאנץ יאראפ, עס האט געטוישט די דעמאגראף פון גאנץ אייראפע.

בעסילעס יערסיניע פעסטיס דאס איז די טויטלעכע באציל, האט פאר יארן געריט אין די וואסערן פון סענטרעל אזיע, אין דעם בליט פוןווילדע ראטן און מייז, און אין פארשידענע אנדערע ווילדע באשעפענישן,

אין יאר 1338 האט פאסירט דארט א שטיקל טריקעניש מיט אן ערד ציטערניש, וואס דאס האט אויפגעשאקעלט די חיה'לעך און געצווינגען זיי צו מאכן אנטלויפן, און די באסילעס איז געגאנגען אין גלות אריין,

פון דארט איז עס געגאנגען דורך די מייז און די פליגן וואס האבן זיך געפיטערט דורך מייז, אריבער ל"ע צו מענטשן

וואס זענען געווארן געביסן דורך די פליגן, אויסגעשפרייט צו טשיינע, אינדיע, צו מצרים, אזיע, ביז אכט יאר האט דער שווארצער מארד מאשין אנגעקימען קיין קריימיע, דער באפעלקערינג אויף די בארטענעס פינעם מעדיטעריניען סי האט געהערט פין דער מיסטעריעזער מגיפה וואס באושוועט, קיינער האט דאן נישט ג'חלום'ט אז דאס קען אנקימען קיין אייראפע.

קאפפע, די קריימיע,

אין קאפפע א שטאט אין דער קריימיע ארים געגנימען מיט א ריזיגן מויער, ביים בארטן פינעם מיטעלענדישן ים, האבן זיך געפינען א גרופע איטאליענער סוחרים, נאכן ווערן פארטריבן דורך די מיסלעמעינער לאקאלע שכנים, האבן זיך ארייגשטיפט אין דער פארמויערטער שטאט קאפפע אויפן שווארצן ים, אינעם שטעטל האט אויסגעבראכן געשלעיגן צווישן די קריסטליכע איטאליענע סוחרים, מיט די לאקאלע מוסלעמעינער איינוואוינער, עס האט דערפון אויסגעבראכן א שיינע מלחמה צווישן די שטרייטענדע צדדים, ווי די מוסלעמעינער האבן געריפן הילף פינעם לאקאלן מאנגאל פרינץ, זיי האבן זיך פארפאנצערט אין דער שטאט, אזוי איז די באלאגערינג אנגעהאלטן א יאר אן קיין זיג פאר קיין איין צד.

די זעלבע צייט וואס די באלאגערינג איז אנגעגאנגען און פילן שוואונג, איז אויך די מגיפה געקימען נעינטער, און אנגעהויבן אויסמארדן די מוסלעמעינער סאלדאטן, וואס האבן געלאגערט אויף דער שטאט, זיי האבן געמיזט ציריקציען און אויפגעיבן אויף דער באלאגערינג, ציליב די געוואדיגע מאס אויסגעשטארבענע סאלדאטן.

אבער דער פרינץ איז אויפגעקימען מיט א רשעות'דיגער פלאן, אין זיין פינסטערן מוח האט אויפגעבליצט א וואפן פון מעס דיסטראקשן, צו פארסאמען די גאנצע שטאט, ער האט אויפגעשטעלט קעטעפאלטס ארים די שטאט, אין אריבער געווארפן די טויטע קערפער פון די פארסם'טע סאלדאטן אריין אין דער שטאט, די וואס האבן זיך געפינען אין שטאט האבן געשאלט און ג'יובל'ט ווען עס האט אנגעהויבן רעיגענען טויטע קערפער פין הימל אראפ, אבער ביז א קארצער צייט איז די וואסער סאפליי געווארן פאר סם'ט דורך די קערפער וואס זענען געפאלן אין די טייכן, און די ליפט געווארן פארסם'ט דורך די פארסם'טע קערפער וואס זענען געפאלן פין הימל חמרים חמרים, די מענטשן האבן אנגעהויבן שטארבן אין דער שטאט איינס ביי איינס, די שיפס לייט פון דער שטאט, האבן זיך ארויפגעזעצט אויף זייערע שיפן, מיט דעם ציל ציריק אהיים קיין איטאליע.

פארענדיג אהיים דעים לאנגען וועיג, נישט וויסענדיג אז זיי האבן אויפן שיפ אן אימזעיבארע מחלה וואס די מייזלעך אויף דער שיף האבן ארים געפירט, זענען זיי זיך געשווימען אויפן ים מיטן טויטליכן אינהאלט, און זיי האבן אויפן וועיג אהיים געהאלטן און איין אויסשטארבן, אויפן וועיג אויפן מעדיטעריניען שיפל'ט די פאר סם'טע שיף, זיי האבן פראבירט צו אנקערן אויף יעדן פארט אויפן וועיג אהיים צים ציל פונקט, אבער קיינער האט זיי נישט ציגעלאזט, נאכן זיך דערוויסן אז זיי שטארבן דארט און די מאסן, האט מען זיי פארטריבן ווי א טייול, ובפרט ווען עס איז שוין געווען שמיעות לא טובות אז א מגיפה איז שטארק אקטיוו, ביז אקטובער 1347 האט די שיף צו מזל געאנקערט דעם פארט און מעסינע, איטאליע, די פארט ארבייטער האבן פראבירט צו האלטן די שיפסלייט איזאלירט, זיי זאלן נישט קימען און באריריג מיט קיינעם, אבער די מייזלעך האבן זיך דורך דעם אנקער שטריק זיך אריין געכאפט אין מעסינע איטאליע, און דערמיט ג'סטעמפלט די גורל פון א דריטל אייראפע, אפילו מען האט פארטריבן די שיפ תיקף דערנאך, אבער עס איז געווען צו שפעיט, ווייל די באפרייטע מייזלעך האבן זיך געווידמעט און געמערט.

די מגיפה האט אנגעהויבן בוזשעוון, גאר שרעקליך איז געווען די פחד, ווען סיי ווער האט זיך געפארעט מיט די טויטע, אדער נאר געוואוינט אינעם זעלבן הויז איז אויך געווארן געטייט, ווען איינער האט געזען א רויטער בליסטער די מוס פון א ניס, איז געוועינטלעך ביז דריי טאג מייסטענס פינף טאג, געווען טויט, עס האט אויס געזען ווי דער סוף פין דער וועלט קימט, עס איז געווען אזויפיל טויטע, אז מען האט נאר בארגאבן הינדערטער אויפאמאל, און דערנאך זענען די באגרעיבער נאכגעשטארבן, שיפן האבן פארשפרייט די מגיפה פין פארט צו פארט, איבער גאנץ איטאליע, גאנצע שטעיט זענען געווארן לער, פיל מיט טויטע קערפער איבעראל, שיפן האבן זיך אפגעפינען איבעראל מיט יעדן דערוף טויט.

דאס אידישער פאלק, איז ליידער געפאלן קרבן צו די וועלכע האבן באשילדיגט אז אידן האבן פארסם'ט דאס וואסער, מען האט בימים ההם אויסג'הרג'ט פיל אידן, די שמועה אז די אידן הויפטן פון טאלעידא האבן פארשפרייט די מחלה דורך פארסמען דאס וואסער בכדי צו הרג'נען וואס מער קריסטן האט געשלאגן ווארצלען, מען האט ארעסטירט די אידישע הויפטן, מען האט זיי פארפייניגט דורך אינקוויזיטארן, זייערע ארויסגפרעסטע הודאות ווי א איד אגימעט איז זיך מודה oct. 20 1348 איז פארשפרייט געווארן דורך בליט דארשטיגע לאקאלע קריסטן, די נייעס מיט רציחות איז

געפארן דורך שווייץ קיין דייטשלאנד, ווי גאנצע אידישע געיגענטער מיט מענער פרויען און קינדער זענען פארברענט געווארן, אין שטראסבורג איז די גאנצע קהילה חרוב געווארן דורך די גויאישע באפעלקערינג, און שבת קודש feb. 14 1349 האט מען ארויפ געלייגט צוויי טויזנט אידישע קינדער אויף א האלצערנע מזבח, און אינטערגעצינדן רח"ל, מיט אן אויסריף אז ווער עס וועט זיך טויפן וועט ווערן פארשוינט, מען האט געטויפט קינדער קעיגן די ווילן פון זייערע עלטערן, זייער פארמעיגן האבן די לאקאלע געפלינדערט, די באערדע וואס איז געווען קעיגן שענדן די אידן האט מען פארטריבן, אבער עס האט נישט גענימען לאנג ביז זיי זענען אויך געפאלן דורך דער פלעיג מגיפה, פארצייכענט איז אז איבער זעכצן טויזנט אין שטראסבורג זענען געפאלן און דעים יאר צים פלעיג.

נישט קיין סאך האט ציגעהאלפן די פאקט אז אידישע קינדער זענען מער געשטארבן דורך די מערדער'ס ווי פין דער מגיפה, ווייל בדרך כלל האבן די אידן אלע מאל געהאט א ריינערע לעיבן'ס שטייגער, צים ביישפיל, אידן וואשן זיך כסדר אפ די הענט, עס קען נישט דורך גיין א טאג אן זיך וואשן צעינליגע מאל, אנגהויבן ביי נעיגל וואס, יעדעס מאל וואס מען גייט ארויס, צים עסן, אזוי ווייטער, לכבוד שבת יו"ט א שויער, מקווה יעדן טאג אויב מען איז א חסיד, אדער ווען מען ברויך, ווידער א גוי קען דורך גיין יארן איידער ער וואשט אפ זיינע שמיציגע הענט, אויך די וועיג וויאזוי אידן האבן באגראבן די מתים במגפה לויט די אידישע מסורות, אפגעוואשן און איין געוויקלט די מתים אין תכרוחים האט אויך פארמיטן אז זיי האבן ווייניגער ארימגעשפרייט די מגיפה, אבער די גוים האבן דאס געניצט פאר זייערע בליט בלבלים.

די אפיציעלע פאזיציע פינעם פויפסט באניפעיס, איז געווען אז די אידן זענען ריין פון שילד,אבער היות כאאס איז געווען איבעראל, מען האט געזיכט שילדיגע, איז געווען נאטראל אז אידן זענען די שילדיגע, ספעציעל נאך די ארויסגעפרעסטע הודאות וואס שנעל רייטער האבן פארשפרייט פון שטאט צו שטאט, און געריפן די לאקאלע רוצחים צו מארדן די אידן.

און jan 1349 איז די גאנצע אידישע קווארטל פון דער שטאט באסעל ארויף על מוקד האש על קידוש השם, נאכגעפאלגט האבן די שטעיט נירענבורג, אגעסבורג, מיוניק, פרייבורג, קעניגסבורג, רעיגנסבורג, אלעס איז פארברענט געווארן, אויך איז באוויסט אז די גאנצע שטאט ווארעמס, האט מחליט געווען זיך צו נעמען זייערע לעיבן'ס אליין, אין מערץ 1349, אין מיינץ האבן אידן געפריווט צו שטעלן א

ווידערשטאנד, געהרג'ט צוויי הינדערט רוצחים, אבער ליידער האט דאס אויפגערייצט מער רוצחים, ווען זיי זענען ציריק געקימען פאדערן נקמה, האבן זיי אויסג'הרג'ט איבער 6000 אידישע קינדער אינעם שוידערליכן טאג 1349 August 24, אלע דריי טויזנט אידן פון דער שטאט עראפורט זענען אויסג'הרג'ט געווארן, ביז דעם יאר 1350 איז שוין כמעט נישט געווען קיין איין איד אין דייטשלאנד.

די קריסטלעכע אויבערהארן וואס האט ציליב די מצב פארשפרייט קלאנגען אז דעי מגיפה קימט ציליב אייגענע זינד, דער פויבסט האט געשיקט בריוון איבעראל אפצישטעלן די רציחות, אבער ליידער דער באפעלקערינג האט דאס נישט געקויפט, מען האט זיי אויך נישט פארשוינט, אויך דאקטוירים האבן געליטן געפערליכע בזיונות, ווייל זיי זענען געווען ווערט א רעיטער, יעדער האט פראבירט מיטלען פון עסן צילאזטע גאלד ביז לייגן פרעש אויפן וואונדן.

די גרויסע מגיפה האט גערידערט ביז 1388 מיט דעם הויעך פונקט צווישן 1348-1349 דער נאך איז עס ציריק געקימען יעדע עטליכע יאר, אבער שוין קיינמאל אויף אזא שרעקליכער פארנעם, ווי אויסראטן צוואנציג ביז פינף און צוואנציג מיליאן מענטשן.

די קרעינק האט פארשאפט די רויטע גרויסע באבל, וואס האט געהאט א געפערליכער שלעכטער גראך, אויפ וואס מען פלעיגט לייגן רויזן, אז דער גיטער שטארקער רויז גראך זאל איינעמען די שלעכטער ריחות, אויך פלעיגט מען ברעינגען א געהעינגל פון די שארפע בלים וואס הייסט פאוז, וואס איז זייער גינסטיג פארן נאז, ווען דער פאציענט האט זיך גענימען ניעסן האט דאס געמיינט גסיסה, ביז דער פאציענט איז געשטארבן, פארשטייט זיך אז בשעת דער פאציענט האט א ניעס געטיען און מיט א קליין שפריצעלע אויף די ארימיגע, האבן אלע אויפן ארט באקימען נישט נאר אחד משישים, נאר די פילע גיפט פין דער מחלה, און אזוי ווייטער, די פרימיטיווע האבן נישט געהאט קיין שום אנינג ווי אזוי עס פארשפרייט זיך די מחלה, אדער ווי אזוי מען פארמינערט די מחלה פארשפרייטונג.

ערשט יארן שפעיטער סוף נייצטן יאר הינדערט, האט מען זיך געכאפט ביים קאפ אז עס כאדעוועט זיך אין מייז, און מען ווערט געביסן פינעם פליג.

ווערסיעס פינעם גראם האט זיך געביטן פון ארט צו ארט, צים ביישפיל עינגלאנד גייט עס עי טישו עי טישו ווי אלל פאלל דאהן, מרמז זיין דעים סניז, ווי די עינגלענדער בעיטן

א טישו, אפילו מען ווייסט אז מען איז א גוסס, וואס דער נאך פאלט מען א נפטר, נפטר פיפטר, אבער א טישו זאל זיין.

אמעריקע זינגט מען עשעס עשעס ווי אלל פאל דאהן, אלעס בערך מרמז זיין די גרעסטע מגיפה אין היסטאריע.

פארוואס זאג איך עס אייך?

**פישלע הערינג** • 19טן מערץ 2014

„פארוואס זאג איך עס אייך?"

כדי להוציא מלבם של אלו האומרים אז דאס איז א קריסטליכע קירכע הימנע.

**פליקער** • 19טן מערץ 2014

יעדע זאך ברויך מען דיר מסביר זיין
דער רינג איז דער וואונד וואס איז רינדיג
דער איז ארים גענימען מיטן רויז אוועק נעמען דעם ריח רע
אויך מיט א פאקעט פון פאזי, ווי שוין מסביר געווען אז פאז
איז דער בלים וואס איז זייער געשמאק פאר די נאז לעכער
וואס נאך ברויך מען דיר אריין לייגן אין מאל,
א טישו וועיגן דער סניז, אדער עשעס, ווי מיר ווערן אש און פארך
ווי אלל פאל דאהן פגרים מתים
אה יעצט כאפ איך שוין

**פליקער** • 19טן מערץ 2014

עס איז שווער צו זאגן אז דאס איז געווען א קירכישער הימנע, הגם עס זענען דא וואס לייקענען אינעם גאנצן ציזאמענשטעל, אז דער ניגון האט נישט מיט דער מגיפה, איז עס אבער דאך די לאגישסטע מיינונג

נאך איין פינקט כמו א פיעס צים ארטיקל, דער פויבסט האט איבער געלעיבט די מגיפה, אויף זייער אן אינטערעסאנטער וועיג, מען גלויבט אז ער האט יא געכאפט וואס דא גייט פאר, זיינע לייב דאקטוירים האבן אים רעקאמענדירט אז ער זאל זיך פארבריקירן אז קיינער זאל צינעם נישט קענען קימען זעיגענען.

האט ער זיך איינגעשפארט אין א הויף ארים גענימען מיט פייער וואס האט געפלאקערט פאר פיר חדשים און א צי, מיטן פויבסט און די מיטן, פארשטייט זיך אז נישט די פליגן און נישט די מייזולעך האבן געגליסט דורך צו גיין דעים פייער, און אזוי האט ער אפגעראטעוועט זיין לעיבן.

אבער רוב גלחים וואס האבן זענען אנגעגאנגען מיט די טעיגליכע ווידוי פרעפלען זיך ציילעמען צים מת, זענען אנגעשטעקט געווארן און ג'פגר'ט זעלבסט, ביז עס איז געקומען צים קלימאקס , אז מען האט געציטערט פון א טויטער ווי פינעם טייוול, אזוי זענען גאנצענע שטעיט געבליבן געשאנדערט, אנגעפילט בלויז מיט מתים, וואס קיינער האט ניטאמאל באגראבן.

**דולה ומשקה** • 20סטן מערץ 2014

נאך דעם וואס מיר ווייסן שוין אז די ווערטער „we all fall down" גייט ארויף אויף מיתה רח"ל, וויל איך בעטן מ'זאל דאס אויסלאזן פונעם ניגון און ענדערש אנ-נעמען דע בריטישע נוסח

We all jump up,

With a 1-2-3!

פארפאלן מיר לעבן און 'אכשר דרא'

**איך אויך** • 20סטן מערץ 2014

נאך בעסער איז צו זינגען די אידישע ווערסיע מיר זענען געווען ברוגז וכו. מיר זענען חברים צוריק.
הנה להם לישראל אם אינם נביאים בני נביאים הם.

איבערלעבונגען

# שיריים פון מיין באזוך אין שפיטאל

נאך א קורצער ווײלע אין שפיטאל: די געפילן וואס מען נעמט מיט אהיים – ענווה, רעספעקט פאר די דאקטוירים און נורסעס, און שטאלץ אויפן מענטשליכן שכל.

פון **לייבל שטילער**

קאווע שטיבל • פאעזיע • „שיריים פון מיין באזוך אין שפיטאל" • 27סטן דעצעמבער 2020
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/14395.html

לעצטענס האב איך געווײלט א קורצע ווײלע אין שפיטאל, ב"ה נישט קיין ערענסטע זאך, אט איז א שטיקל פון מיינע געפילן וואס כ'האב מיטגענומען אויף מיר צו באגלייטן אויף אויף אינדרויסן.

עס הערשט דארט אן אינטערעסאנט געמיש אינווײערמענט, פון איין זייט נעמט מיך איבער א געפיל פון ענווה, א גייסט פון מה אנוש כי תזכרנו, דער גרויסער מין האנושי וואס האט מיט איר קלוגשאפט און פאר שטאנד ארויפגעצויגן אין סקיי-סקרעיפער נאכן אנדערן, וואס די אויגן האבן באוואונדערט אויפן וועג, מיט איין קליינע שנעלקע פון אויבן, געפונט ער זיך אויפן בעט וכל חילו לא יועיל לו לכלום.

א צווייטע געפיל ציט זיך אבער איבער, א געפיל פון רעספעקט און ערע, רעספעקט פאר די אלע הונדערטע איינגעשטעלטע נורסעס און דאקטורים, פון דעם אנעסטיגעלאג ביזן כירורג, נורעאלאג צום קארדיאלאג, יעדן מומחה אין זיין פעלד וועלכע לעבן אין אן אנדערע וועלט, אין א וועלט פון העלפן, היילן און פארלייכטערן פאר זייערע פאציענטן, פרייען זיך כמוצא שלל רב אויף יעדע נייע אויסטערף אין מעדעצין וועלכע וועט האבן אן אימפעקט אויף זייערע פאציענטן, מלאכים בדמיות אנשים, וואס דאס גאנצע לעבן איז א שטיק העכערקייט, א שטיק יענעם, עס נעמט מיר זאגאר אן א קנאה געפיל, איך גלוסט דער וואס לייגט זיך ביינאכט מיט דעם דערהויבענעם גייסט וואס נאך אזא איינער, וואס האט זיך אוועקגעגעבן דאס לייב און לעבן פאר א צווייטן, שפירט.

אויף דעם שוין געפיל-אנגעלייגטן הארץ שפראצט ארויס א נייער גייסט, א סענס פון דערגרייכונג און שעצונג צום מין האנושי, וואס האט דערגרייכט צו וואס די נביאים האבן בלויז געזען אין זייערע חזיונות, וואס די פילאזאפן האבן נאר געשריבן, א שטאטוס פון „ויעשו כלם אגדה אחת", נמנו וגמרו, יעדע מענטש סיי רייך סיי ארעם, סיי א מאן סיי א פרוי, סיי דער וואס זיין הויט איז שווארץ, ווייס, ברוין אדער סיי וועלכע פון די עלף קאלירן, איד, קריסט, מוסלעמענער אדער אטעיסט [...], יעדער איינער באקומט דאס זעלבע טענדער לאוו און קעיר, ווייל ער איז א מענטש!, ס'שפעשעט זיך מיר ארויס א ברדיטשובער תפילה „רבש"ע, נישט צו לאנג צוריק האסטו איבערגעדרייט סדום, ס'האט דיר באנג געטוען די מעשים פון דעם מענטש וואס דו האסט באשאפן וועלכע האבן נישט אויסגעארבעט זייער מענטש'ליכע געפילן פון דערבארעמדיגקייט, מיטגעפיל, און רחמנות. פון א צייט וואס אן ארימאן האט מען גע'הרג'ט, א צדקה-געבער דערמארדעט, קוק אראפ וואו, שטאטליך אבער זיכערליך, זענען מיר אנגעקומען!".

אזוי שפרייזנ'דיג אין די קארידארן, נעמט מיר פלוצלינג איבער א נייער גייסט, אזאנס פון שטאלץ און אנערקענונג, א גאווה דקדושה פון דער מענטשליכער אינטעלעגענץ, ווילן און עקשנות, נאר אדאנק די מיליאנען שעות פון הארעוואניע, שווערע ארבעט און אנטשלאסנקייט, האלטן מיר דא, מיט אזויפיל דורכברוך אין דער וועלט פון היילונג און מעדעצין, פון אנטיביאטעק צו ארגאנען-טרענספלענט, צו אין מספר אויסטערפן וואס האט שוין געראטעוועט דאס לעבן פון מיליאנען, פון קענסער צו אינפעקציע צו הארץ קראנקע, נירן, וכל שאר רמ"ח אברים, פארלענגערט די לעבן-ערווארטונג, און פארבעסערט די קוואליטעט פון לעבן אין אלגעמיין. אזויפיל קינדערלאזע זענען שוין געהאלפן געווארן דורך אזאנע וואונדערבארע אויסטרעפן ווי IVF און ד.ג., אזויפיל אומשולדיגע מיידלעך (און יונגערליך) דארפן זיך מער נישט שעמען א דאנק פלעסטיג-סורג'ערי.

און יא, כאטש קיינער וואונטשט זיל נישט צו דארפן ווײלן אין שפיטאל (אויסער אינעם לעבאר און דערליווערי אפטיילונג) איז אבער עכשיו שנברא, נעם איך מיט מיין לעקציע פארן לעבן, יא, ס'איז דא א וועלט אינדרויסן, וואס דעקט איבער די שיינקייט פונעם מין האנושי מיט א פארבלענדעניש פון געלט, תאווה, כבוד, פאליטיק און נארישע שנאה און סופעריארע, אבער ווען מ'נעמט אראפ די דאזיגע שיכטן אנטפלעקט זיך א הגשמה פון נבואה אלוק-ית, „והיה צדק אזור מתניו והאמונה אזור חלציו. וגר זאב עם כבש ונמר עם גדי ירבץ".

קולטור • ביכער

# א בוך וועגן דעפרעסיע

2015: א רעצענזיע אויף „Calling Out To You“, א בוך וועגן דעפרעסיע און ענגזייעטי – און א שמועס צי א בוך קען בכלל היילן.

פון **וואלוי, הקטן און mevakesh**

קאווע שטיבל • ספרים און ביכער • „נייער בוך וועגן דעפרעסיע: Calling Out To You“ • 15טן נאוועמבער 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9810.html

**וואלוי** • 15טן נאוועמבער 2015

אן אינטערסאנט כשר און אויסגעהאלטן ביכל בנושא פון סייקאלאדזשי בייארבעט דורך א שרייבער מיטן נאמען תהילה עדלעמאן וואס די מטרה פונעם בוך איז אויף צו עפענען די אויגן פאר די וואס ליידן אויף דעפרעשען און ענקזייאטי ועוד, ווי אויך פאר זייערע באקאנטע, דורך ארויסברענגען אמיתת הדברים ומציאתם וואס איז דער בעסטער אופן און מיטל אויף צו טון אין דעם פראבלעם.

נאכן דורך ליינען זע איך דעם תוכן פון דעם בוך אויף דעם אופן. עס אינהאלט אין זיך בעיקר דריי חלקים וואס ווערן איבער געחזר'ט אין א יעדן פרק אדער עטליכע פרקים כדלהלן:

א) דער קשר פונעם מענטש וואס ליידט מיטן באשעפער. זי ברענגט ווארימע דברי חיזוק פין פארשידענע מקורות און שרייבערס וואס העלפט צו האבן די ריכטיגע פערספעקטיוו כלפי שמיא בפרט בשעת א קלעם אויף זייער א פארשטענדליכן אופן. אבער אין דיע חלקים ליגט נישט דער עיקר חידוש ווייל היינט איז ב"ה דא זייער אסאך ספרים און ביכער וואס ברענגען ארויס די ריכטיגע השקפה און מהלך החיים בשעת צר.

ב) די פערזענליכע איבערלעבענישן פון מענטשן וואס זענען דורך די שווערע תקופות דורך ליידן אויף דעפרעסיע, ענקזייעטי אד"ג, קלאר ארויסגעברענגט די ווייטונגען און אויך די וועגן ווי אזוי זיי האבן זיך אן עצה געגעבן דערמיט. אין דעם ליגט דער שפיץ פון דעם בוך, ווייל דאס איז דער ציל פין דעם ארויסגעבער אויף צו עפענען די אויגן פין דעם וואס ליידט צו זען קלאר זיין מצב ובפרט אין די היינטיגע צייטן וואס עס ווערט ציביסלעך מער אן אמגענימענע און נארמאלער זאך אז מ'זוכט פראקטישע עצות זיך צו היילן.

ג) פרקים געשריבן דורך פערפעשינאל סייקאלאדזשיסטס און טעראפיסטס וואס באהאנדלען רוחניות'דיגע און גשמיות'דיגע מהלכים ווי אזוי צו ציגיין און אדרעסירן די שווערע פראבלעמען. אזוי ווי זייער פעלד איז זייער א ברייטע, ווערט דא צאמגענומען פארשידענע מעטאדס פין טעראפי, אסאך אנגענימענע מהלכים און אמאל זייער אנקאנוועשינעל מעטאדס.

סיכום: דאס בוך איז א דבר חדש אין דעם נושא, זייער שיין געשריבן, און בעיקר א פראקטישער חיבור וואס קען אסאך אויפטון. עס האט הסכמות אין אנהייב און אויך גוטע ריסארסעס צום סוף.

**הקטן** • 15טן נאוועמבער 2015

איך וואלט געוואלט הערן, זענען reviews פין מענטשן וואס זענען געווען ערנסט דיפרעסט און זענען ארויסגעקארכן דערפין דארך דעם בוך

זאכן וואס רעדן צו דיר מיז נישט רעדן צו איינעם וואס איז דיפרעסד.

**mevakesh** • 15טן נאוועמבער 2015

דאכט זיך אז קיינער קריכט נישט ארויס פון דעפרעסיע דורך א בוך פארט מאכט דאס נישט אוועק א גוט בוך אין דעם נושא

**הקטן** • 15טן נאוועמבער 2015

איך גלייב נישט אז דער שרייבר פין דעם בוך איז מודה צו דיר.
איך בין אויך נישט זיכער אז איך עגרי אינגאנצן מיט דיר.
נאך אלעם, איז talk therapy און (כמעט) אלע אירע פארמען, א מהלך וואס דער מענטש באקימט א נייער דערהער וואס ער האט ביז יעצט נישט דערהערט (קאנשעסלי אדער סוב-קאנשעסלי) ביז אהערת איז פארוואס זאל דאס א בוך נישט קענען מאכן?
מען קען נישט אוועק מאכן די self help אינדעסטרי אזוי מיט א מאך מיט די הענט
פאקט איז אז דאס האט שוין געהאלפן פאר מיליאנע מענטשן
פארשטייט זיך ס'דארף זיין געשריבן אויף א וועג וואס זאל רעדן צום באטרעפענדן, וואו למשל טרעפן דער מענטש דארט וואו ער איז יעצט און דארף אויך קענען האלטן דעם מענטש געשפאנט אז ער זאל נישט ארפלייגן דאס בוך

**וואלווי** • 15טן נאוועמבער 2015

כו"ע מודי אז א בוך היילט נישט, אפגעזען ווי גוט עס איז געשריבן און ווי שטארק ער טרעפט צו דעם אמת. ווען א מענטש גייט דורך אן ערענסטע דעפרעשען דארף ער א באזוך ביים סיקייאטריסט, נישט ביי עמעזן אדער בארנס ענד נאבל. און א סקייאטריסט וואס געט נאר מעדיקעשען אליינס העלפט על פי רוב אויך נישט גענוג, ווייל מען דארף היילן דעם גייסטישן פראבלעם אויף א גייסטישן אופן, און פארדעם דארף מען צוקומען צו טאלק טעראפי, אדער אנדערע אופנים, און וואס מער אלס בעסער, ווייל אזוי קריכט מען אריין צום שורש פונעם פראבלעם. דא קען צונוצקומען א בוך וואס שרייבט אפן און דירעקט וועגן דעפרעסיע, ווייל דאס איז מחזק דעם מענטש צו אנהייבן זוכן הילף, און אזוי ווייטער ווען ער זוכט הילף און אויך דערנאך ווען ער האט בס"ד דורכגעבראכן דעם פראבלעם, שטארקט עס א מענטש זיך צו האלטן וואך צום ענין דורך א פאזעטיוון פערספעקטיוו.

דער פאבלישער שרייבט דאס אליינס, וז"ל:

This book won't tell you that your suffering... is your own fault, that simplistic cures or segulos will solve everything, that after you read this, your pain will magically disappear

כאמור דאס בוך איז זייער א גוטער סעלף העלפ בוק, אבער וואס מאכט עס מער איטערסאנט און נוצבאר פון אנדערע חיבורים איז דאס וואס כ'האב געשריבן אין אות ב' הנ"ל, אז דאס קלאר ארויסברענגען די עקספעריענס און דורכגאנג פון דעפרעסטע מענטשן קען זייער העלפן צו מחזק זיין אנדערע במוחין דקטנות, אריינצונעמען ביי זיך אין קאפ אז עס געשעט ביי אנדערע אויך, און אז די עצה איז צו זען דעם אמת און זיך נישט שעמען און זיך באשולדיגן, נאר צו זוכן הילף בגשמיות דורך פארשידענע אופנים וואס ווערן ארומגערעדט דארט, און צו דעם געבן זיי צו רוחניות'דיגע חיזוק און עצות וואס דאס העלפט פארשטייט זיך נאר ווען דער מענטש איז אין מוחין דגדלות.

**הקטן** • 15טן נאוועמבער 2015

[פארקירצט]

דאס איז פין

Feeling Good New Mood Therapy by david burns

א בוך וואס איז איבערגעדריט געווארן אויף פיל שפראכן און האט שוין געהאלפן זייער אסך

כו"ע מודי???

**וואלווי** • 15טן נאוועמבער 2015

„כו"ע מודי???"

איך האב עס געליינט און ס'איז זייער יסודות'דיג ביך ווי אויך א בעסט סעלער, אבער ס'איז נישט די מערסטע יוזער פרענדלי זייענדיג געשריבן אביסל צו בעיון אז מ'נוצט דאס ביך בנוסף צו גיין צו א טעראפיסט איז עס ווערד זייער א סאך. איך בין נייגעריג וויפיל מענטשן זענען אינגאנצן געהיילט געווארן נאר אויף דעם ביך אליינס

הומאר

# לינקע זייט סינדראם

דער „פורים־דאקטאר“ פונעם שטעטל, א ספעציאליסט פאר מוח־פראבלעמען, ערקלערט ווי אזוי מען דערקענט א „לינקן טאג“ – און ווי אזוי מען באהאנדלט אים לויט דער מגילה. געשריבן לכבוד פורים 2013.

פון **זאלצוואסער**

זאלצוואסער • זאלצוואסער • „לינקע זייט סינדראם (קרישקעלעך פון פורים)“ • 3טן מערץ 2013
https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/281.html

(דאס האב איך געשריבן פאר א פאפולערע אידישע צייטונג לכבוד פורים. [פארקירצט])

פונעם:פורים דאקטאר

נעקסט פליז! מר. בראון איר קענט אריין גיין זען דעם דאקטאר

מר. בראון: וועלכע זייט גייט מען?

איר וועט שוין זען פאללאו'ס די סיינ'ס

מר. בראון: די סיין רוקט זיך נישט, ווי קען איך עס נאכגיין?

איר וועט זען דירעקציע'ס עס ווייזט אן ווי צו גיין

מר. בראון: ישר כח

און אזוי פאנגט זיך אן מיין טאג אין דאקטאר'ס אפיס יעדן איינציגן טאג, ווי נאר איך קום אריין און איך האב קוים צייט אראפ צו לייגן מיין טאשקעלע מיט מיין געצייג אין ווינקל, הער איך שוין אינדרויסן דעם גערודער פון די פאציענט וועלכע זוכן דעם וועג אריין.

אהה! שיער פארגעסן! לאמיך זיך פארשטעלן פאר די חשובע לייענער'ס. ווי איר זעט שוין אודאי בין איך פון פראקטיק א דאקטאר. נישט א גאנץ יאר, און אויך נישט פאר אלע מענטשן, איך טו דאקטארריי איינמאל א יאר אום חודש אדר, ווייל ביי אונז אין שטעטעלע איז פארהאן איין דאקטאר, און חודש אדר איז ער פארנומען מיט די הכנות לחג, האט מען שוין יארן לאנג מיר געגעבן די חזקה פון דאקטאריי.

איך בין אויך נישט דער גענעראל דאקטאר פאר אלע פראבלעמען איך בין ספעציפיש פאר מוח פראבלעמען! דאס איז די איינציגע דאקטארריי ביי אונז אין שטעטעלע וואס מ'דארף נישט האבן דערויף קיין שום לייסענס, מ'דארף נאר האבן געווען א פאציענט פאר א צירקע פון צוויי יאר אדער מער, און מ"קוואליפיצירט שוין צום דושאב.

דער רעדאקטאר פון „דער בלאט“ האט ביי מיר אנגעפרעגט צי עס איז שייך צו מיטטיילן אביסל מיט די חשובע לייענער'ס איבער די ענינים, עס זאל קענען העלפן פארן ציבור, און מ'זאל קענען לערנען וויאזוי צו פארמיידן אזעלכע פראבלעמען פאר די וואס האבן נאכנישט, און וויאזוי ארויסצוקריכן פון די פראבלעמען פאר די וואס האבן שוין יא.

איך האב פארגעלייגט פאר דער רעדאקציע א ליסטע מיט פראבלעמען וואס מיר קענען באהאנדלען, און זיי זאלן אויסוועלן וועלכע עס איז די מערסטע נוגע פאר אלע יארגענג, און פאר אלע סארטן, אלע רעליגיע'ס און אלע סייזעס.

מיין ליסטע איז געווען בערך אזוי: או סי די, בי די פי, קיו זי על, און סתם אזוי א לינקער טאג.

דער רעדאקטאר האט געקוקט מיט ערנסטקייט אויף מיין ליסטע, און געבעטן מ'זאל מיר בארירן דעם נושא פון אויפשטיין אויף דער לינקער זייט, וואס מ'קען טון דאס צו באהאנדלען, און וויאזוי זיך אן עצה צו געבן ווען דאס פאסירט צו איימיצן.

לאמיר אנהייבן ביים דיאגנאז!

מיר באקומען כסדר אריין רופן פון פאציענטן וועלכע מיינען אז טא היינט זענען זיי אויפגעשטאנען אויף דער לינקער זייט, און וואס אן אמת ווען זיי פארציילן אונז די סימפטאמען טוען מיר גלייך אויפן טעלעפאן אידענטיפיצירן דעם פראבלעם. נישט אלעמאל איז עס דער „לינקע זייט סינדראם“.

ווען ווייסט מען אז מ'איז באמת אויפגעשטאנען אויף דער לינקער זייט?

איך וועל מסביר זיין די שאלה: דאס אז איינער לויפט אייך נאך פאר געלט וואס איר זענט אים שולדיג, דאס הייסט נישט אויפגעשטאנען אויף דער לינקער זייט! דאס הייסט: בעל חוב

דאס אז איר שטייט אויף צופרי מיט צעבראכענע ברילן ווייל איר האט פארגעסן אויסצוטון עס נעכטן נאכט! דאס הייסט אויך נישט לינקע זייט! דאס הייסט „אמנוזשיע“ (פארגעסן בלע"ז)

און דאס אז איר האלט די הייסע קאפ קאווע ביי די ציין ווען איר זעצט זיך אריין אין קאר און עס גיסט זיך אויס אויפן נייעם ראק,

הייסט אויך נישט אויפשטיין אויף דער לינקער זייט! דאס הייסט „אן אידיאט" (נער בלע"ז)

ווען ווייסט מען יא זייער קלאר אז דער טאג האט זיך אנגעהויבן אויף דער לינקער זייט?

אויב ליגט אייער וועקער זייגער אויף אייער לינקער זייט, און איר וועקט זיך אויף צום קלונג פונעם זייגער, איז דא א פופציג פראצענט טשענס אז איר זענט אויפגעשטאנען לינקס.

און דאס זענען די סימנים פון א פולשטענדיגן לינקע זייט סינדראם.

איר שטייט אויף און איר טרעט אריין אין דער לעוואר מיטן נעגל וואסער!

איר ווילט נעמען דעם צווייטן טעפל, ווייל די ערשטע איז שוין געגאנגען פאר די פוס, שטעקט איר אריין די פינגער'ס אין וואסער אריין אנשטאט צו כאפן דעם טעפל ביי די זייטן

(איר זענט שוין בערך 11% אנגעשטעקט פונעם סינדראם)

איר קריכט צו אמה על אמה צום קראן, צו נעמען פרישע וואסער און דאס וואסער שטראם גייט להכעיס אויף 5 מייל א שעה, און הערשט דאן כאפט איר זיך אז דעם קאפל אייערן האט איר פארגעסן אויפן געלעגער (דאס פאסירט נישט ביי יעדן, נאר ביי די וואס האבן גרויסע האר און קליינע קאפלעך)

– איר זענט שוין 15% דערין-

איר יאגט זיך ווייל איר זענט שוין שפעט, און איר דארפט רוקן די קאר אפילו איר דארפט אין ערגעץ נישט פארן היינט. און ווען איר ענדיגט זיך יאגן באמערקט איר אז דער זייגער איז געווען פאררוקט, און ס'איז נאך דא צייט.

(איר האלט שוין ביי 22%)

איר בארואיגט זיך און איר נעמט א קאווע, און ביים נעמען די שטויב גיסט זיך אריין א 2 3 אינטשעס קאווע, און איר קענט נישט געגונג ווישן דעם קאפ פון דעם איבערבלייבעכץ פונעם שטורעם.

דאן ווען איר גיסט אריין די מילך באמערקט איר אז דער עקספיירעישאן דעיט איז שוין געווען ביים פאריגן קידוש לבנה.

(איר האלט שוין ביי קנאפע 30% [וואנדט זיך אין וואספארא מילך איר נעמט...])

איר זעצט זיך אנידער צום טרינקען, (פארשטייט זיך נאכן נעמען א נייע קאווע) און איר כאפט א שטאך ווייל אייער יאנקעלע האט איבערגעלאזט די טוי'ס נעכטן אויפן בענקל

(35%)

איר מאכט צו די אויגן שטרענג און פעסט, און שטעקט אריין א צונג אין קאפ אריין צו שפירן דעם פיינעם ערשטן הייסן זופ פון דער קאווע, און . . . .עס איז כלל נישט הייס. (דאס רופט מען ביי אונז אין דאקטאריי שפראך: בלייבט מיט דער צונג אינדרויסן)

(37%)

ווען איר האלט שוין ביים דריטן קאווע און עס איז שוין נישט מיט פארדארבענע מילך, יא מיט הייסע וואסער, און אלעס קלאפט ווי א זייגער! דערמאנט איר זיך צו קוקן אויפן זייגער טאקע! און אוי ווי מ'דארף לויפן. איר כאפט די קאווע מיטן טלית בייטל און דאן אנשטאט לייגן דעם בייטל הונטערן ארעם לייגט איר די קאווע הינטערן ארעם.... (ווען דאס פאסירט איז ראטזאם זיך צוריק צו דרייען און איבערשלאפן נאכאמאל...)

(45%)

איר גייט ארויס אויף דער גאס, און פרובירט צו אראפגיין צוויי שטיגן ווען עס איז נאר דא איינס, און עס לויפט אייך דורך א סקרוך אין די ביינער ביז אויבן...

(איר האלט שוין ביי 52%)

פאר מיר גייען ווייטער! איינמאל איר דערגרייכט צו דעם נקודה פון איבער פופציג פראצענט, איז וויכטיג אנצורופן גוטע פריינט און פאמיליע, און זיי מאכן אויפמערקזאם נישט צו שטיין היינט נעבן אייך צוליב סכנה!

איר לויפט כאפן דעם קאר און וואס זעט איר? יא גוט צוגעטראפן! די מכשפה גיט שוין דעם טיקעט!

(דאס לייגט נישט צו קיין פראצענט צום סינדראם! עס איז סתם וויליאמסבורג, באראפארק דיזיז, און עס האט נאר איין עצה! אפצוטראגן פון דאנעט)

איר זיצט שוין אין קאר און מיט איין אויג לייענט איר דעם נארוואס געשאפענעם טיקעט און מיטן אנדערן אויג פרובירט איר צו זען פארוואס דער קאר סטארט זיך נישט (ראטזאם צו נוצן ביידע אויגן פאר איין זאך און נאכדעם ביידע פאר די קומענדיגע... לייענט מער אין אונזער תשע"ל אדער אויסגאבע איבער דעם)

און דאן באמערקט איר אז דער טיקעט איז גאר פאר עקספייערט רעגיסטראציע....

(60%)

איר פארט שוין ב"ה! און אלע לייט'ס ווערן רויט פונקט ווען איר קומט אן! און הערשט ווען עס ווערט גרין, פארט דורך א מעקסיקאנער מיט זיין ריזיגע באקס בייק און בלאקירט דעם טרעפיק ביז עס ווערט נאכאמאל רויט...

(67%)

איר קומט אן אין שול אריין און ביי די דרייענדיגע טירן ביי דער מקוה שטייט א איד מיט א צעבראכן קארטל און רירט זיך נישט אוועק ביז ווען ער מאכט זיכער אז דאס קארטל ארבעט נישט פון קיין שום זייט (זייט אים דן לכף זכות אז דאס קארטל איז צעבראכן...)

איר זענט שוין אין מקוה, און עס איז שוין נאר דא די פוירפל געלעכערטע האנטוכער.

(73%)

איר יאגט זיך געפערליך, און איר לויפט צו די שויער'ס, און פונקט אייער שויער איז די וואס גייט שטייטעליך און שטעכעדיג וד"ל.

(76%)

איר קומט אן צו אייער מנין! (דא קענט איר געוויינליך ענדיגן ביי פולע 100% ווענדט זיך אויב עס איז א טאג וואס מ'לייענט און זאגט תחנון, אדער סתם א פרייטאג) איר שלעפט ארויס דעם טלית און די ציצית ליגן צעשפרייט אויף די פיר עקן, און איר קענט נישט כאפן אלע 4 מיט איין האנט.

פונקט ווען איר לייגט תפילין זאגט מען קדיש!

ווען אייער שכן רוקט אריין די באנק, רוקט זיך עס ארויס פון אייער זייט!

וכו' וכו' וכו'.

דא דארפט איר שוין מיט א קלארקייט וויסן אז יא! איר זענט היינט א געליטענער פון דעם „לינקע זייט סינדראם“.

פארשטייט זיך אז די אויבנדערמאנטע איז נאר א משל. אבער דאס זענען בערך די סימפטאמען פון דעם געליטענעם.

וואס קען מען טון ווען מ'איז אין דעם לינקן טאג סינדראם?

אין דאקטאר וועלט אויף די מעדיקאלע טערמינען האט דאס דריי נעמען:

די „פרשנדתא“ טאקטיק

די „ושתי“ מהלך

די „אחשורוש“ גאנג

ונחזור על ראשון אחרון:

די אחשורוש גאנג איז זייער א פשוט'ער. עס איז די לייכטסטע און גרינגסטע וועג דאס איבער צו קומען, און איז די וויניגסטע פיינפול:

טוט וואס אחשורוש האט געטון! אחשורוש ווען ער איז אויפגעשטאנען אויף דער לינקער זייט האט ער אנשטאט זיך פארוואַרפן פארוואס ער האט זיך געלייגט אויף דער רעכטער זייט, זיך גענומען צוויי שומרי הסף און ער האט זיי געהייסן ברענגען דעם בוך צום לייענען. אויב איר קלערט אריין איז דער אחשורוש גארנישט געווען אזא טיפש ווי מ'מיינט (איך קריג נישט ח"ו אויף די חכמים, איך רעד אויף דאקטאר טערמינאלאגיע)

ער האט געזען אז די נאכט האט זיך אנגעהויבן אויף דער לינקער זייט האט ער געטון וואס ער טוט בעסט: זאל יעדער ליידן נאר נישט ער. ער האט שופך חימה געווען אויף יעדן וואס ער האט געקענט, און די נס איז געווען גרויס אז פונקט איז המן געפאלן א קרבן און אידן האבן געהאט א ישועה.

דאס הייסט אז ווען איר האט א לינקן טאג, זוכט אפיר די אלע וועם איר קענט נישט באהאנדלען אין א געהעריגן טאג און גיט זיי א באהאנדלונג! נישט אומזיסט האט מען אייך מזכה געווען מיט אזא טאג! פון הימל וויל מען אז זיי זאלן כאפן! (דאס דארף אסאך טעראפי אבער איינער וואס איז געבוירן מיט דעם אטיטוד קען דאס גרינג טון. א צווייטער דארף מער חיזוק און סופפארט, אבער מיר שטעלן דאס צו)

דער צווייטער וועג איז די „ושתי מהלך“

יא יא די זעלבע ושתי וועם איר קענט, דעי זעלבע ושתי האט זיך געהאט א מהלך ווען דער טאג איז געגאנגען לינקס.

ושתי ווערט גערופן צום קעניג און פלוצלינג זעט זי זיך מיט די פוס אין נעגל וואסער, (טייערער בחור הזעצער: ביטע פארערעכטן איך האב נישט קיין צייט: זי טרעפט זיך מיט הערנער און א ווידל און קרעץ. נישט מיט די פוס אין נעגל וואסער...)

וואס טוט ושתי? זי כאפט א רקידה! זי פאנגט אן צו מאכן הוויות און משונה'דיגע גרימאזן, און מאכט זיך ווי זי האט געכאפט א נערוון אטאקע.

איינע פון די גרינגסטע וועגן פאר א לינקן טאג איז אז יעדע זאך וואס גייט קרום, זאל מען מיטמורמלען אדער גאר שרייען ווי ושתי: „איך האב היינט א שווערן טאג! איך בין אויפגעשטאנען אויף דער לינקער זייט“

די מעלה פון דעם וועג איז אז מ'וועט אייך נישט חושד זיין אין משוגעת! דער עולם וועט ערנסט מיינען אז ס'איז סך הכל א „לינקער טאג“.

דער חסרון דארף איך אייך נישט זאגן! ווי האט ושתי געענדיגט???

די „פרשנדתא טאקטיק“ איז נאך די גרינגסטע

אין אמעריקע רופט מען עס איגנארענס

ווען מ'האט גערופן פרשנדתא'ן צו דער תלי' האבן אים די תליינים ארויסגערופן אמעריקען סטייל מיט בערך די ווערטער (פארשטייט זיך אין פרסי'ש)

איר זענט העפליך געלאדנט צום מלך אין בעק יארד

פרשנדתא האט געפרעגט פארוואס מ'רופט אים

האט מען אים געענטפערט אז דארט איז דא א דארן בוים הויך 50 איילן.

פרשנדתא טוט אן זיין שיינע וואלענע מאנטל און גייט....

איר מיינט פרשנדתא האט געהאלטן אז מ'גייט עסן דארן?

איר מיינט אפשר אז פרשנדתא איז געווען נאאיוו און געמיינט אז מ'מאכט אים גובערנאטאר אויף די דארןביימער?

ניין! פרשנדתא האט קלאר געוואוסט אז היינט איז „א לינקער טאג" און וואס האט ער געטון?

דעם פרשנדתא טאקטיק!

זיך געלאזט הענגען! און איגנארירט!

וואו איז ער אנגעקומען? וואס א חילוק? למעשה איז עס א מהלך!

מיינע טייערע פריינט און פאציענטן. איינער ווארט מיך שוין אינדרויסן, און לויט די קולות זעט מיר אויס ווי אונז זעמיר אויסגעלאפן פון די גרינע און איך מוז אים באהאנדלען.

זייט מיר און האטס מיר א פרייליכן פורים, און פאר סיי וועלכע פראבלעמען קענט איר זיך ווענדן צו מיר, מיין נאמען איז שטרענג געהאלטן ביי דער רעדאקציע.

---

היסטאריע

# היינט מיט . . . יאר צוריק

וואס האט מען געשריבן אויף די פארומס אויף דעם זעלבן טאג, דעם 11טן יאנואר, אין פריערדיגע יארן? צוויי מאל וועגן געזונט: א „דיבוק" וואס איז נאר א קראנקהייט, און וועלכע קימפעטארין־היים איז די בעסטע.

**17**
יאר צוריק
2010

## ראב"ד ירושלים: נישט קיין דיבוק פשוט א קראנקער נעבעך

**נערמאלער** • הײדפארק • אידישע געדאנק • 11טן יאנואר 2010

עס האט אויפגעשאסן ווי א שטורעם אז הגאון הגדול רבי משה שטערנבוך שליט"א ראב"ד ירושלים שע"י העדה החרדית האט זיך געלאזט הערן אז דער אינגערמאן וואס ווי עס הייסט איז אריין אין אים א דיבוק וואס עס דרייט זיך יעצט איבער, איז נישט מער און נישט וויניגער ווי א נישט געזונטער נעבעך

ער האט קלאר געזאגט אז עס קוקט אים נישט אויס ווי דאס איז א דיבוק

אנדערע שווערן זיך ביי דער בארד אז דאס איז קלאר א דיבוק אריינגערעכנט חשוב'ע רבנים און דיינים פון ירושלים עיר הקודש

https://hydepark.sites.tab.bot/t/2744760.html

21
יאר צוריק
2006

## קימפעטארין היימען אין ניו יארק — בעסטע?

**אינגערמאן און חלילה_וחס** • הײדפארק • חדשות אנ"ש אין בילדער • 11טן יאנואר 2006

ס'איז לעצטענס שוין דא עטליכע קימפעטארין היימען,
אמאל געווען „ילד שעשועים"
היינט דא
אם בישראל
אם וילד
סיגעיט
??
בקרוב קומט צו נאך איינס אין קרית יואל
וועלכע איז לויט אייער ד.ה. אייער ווייב'ס עקספיריענסד די בעסטע אין וועלכע הינזיכטן
און וויאזוי איז דאס קאמפערט צו „ילד שעשועים"
ביטע ענטפערן ווייל ס'איז מיר נוגע למעשה אין די קומענדיגע טעג
תודה רבה

[פארקירצט]

— „חלילה_וחס" האט געענטפערט:

יעדע האט זיינע מעלות.

ביי די פרויען איז די מערסטע אויפגעפיקט „סקווירא". מען זאגט אז פאר די קימפעטארינס איז דארט א מחי'. דאס עסן און די שיינקייט פונעם פלאץ.

אין לעיקוואוד זענען למעשה דא, לפי ידיעתי, די בעסטע נורסעס. (אגב ווייס איך נישט וועלכע השגחה זייער עסן האט, אמאל האבן זיי געהאט זייער א גוטן הכשר, נאכדעם האט זיך עס געטוישט. אבער דאס קען מען בפשטות גרינג געוואויר ווערן).

סיגעיט האט די אמאליגע אייגנארטיגע חן. עס זענען דא פרויען וואס האבן יענץ די בעסטע ליב ווייל ס'איז די נענטסטע צו וומ"ס און ב"פ (אויב דו וואוינסט אין ברוקלין). אויסער דעם איז עס אויך די ביליגסטע. איז אויב די פרוי איז צופרידן דארט לוינט עס זיכער אויסצופרובירן.

הקיצור: אלע 3 האבן זיך יעדער זיינע מעלות. קענסט יעדעס מאל עס ווערט דיר געבוירן א קינד, שיקן דיין ווייב ערגעץ אנדערש, און נאכדעם וועסטו שוין האבן א פונקטליכן רעפארט לויט דער אשת חיל'ס טעיסט.

אגב: הרבנית מקרית יואל תחי' עפנט אויך אי"ה בקרוב א קימפעטארין היים.

https://hydepark.sites.tab.bot/t/1759034.html

קורץ און שארף

# פערל פון די ארכיוון

דריי קורצע מעשהלעך פון דאקטאר און פאציענט, פון דעם קאווע־שטיבל אשכול „קאָמישע מייַסעלעך“.

## נאטורליך געהאלפן געווארן

**כרפס:**

אין די שווערע ארבעטס טעג פאר יו''ט לויפט הערשל צום דאקטאר, ער האט אן אויסשלאג ביי די קנייטשן, און דער דאקטאר שמעקט באלד דעם מצב, און פאראראדענט אים א נאטורליכע רעצעפט ביים אפטייק.

הערשל עפענט אויף דעם אפטייק זעקל, ליגט דארט א פיין שמעקעדיגע באד זייף.

קאווע שטיבל • „קאָמישע מייַסעלעך..“ • 3טן אפריל 2020
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12683-2.html#p445123

## לעת זקנה

**שקד:**

ר' משה.. ווי זענט איר געוואן די לעצטע וואך צייט?

אזוי פרעגט דער דאקטאר פון דעם אלטן מוישע באטשי, וואס האט דערווייל נאכנישט פארפעלט צו קומען קלאפן אויף דער טיר פונעם דאקטאר, יעדן איינציגן טאג – די לעצטע תקופות.

איי איי דאקטאר – זאגט ר' משה – איך האב מיך פשוט נישט גוט געשפירט, און כ'האב נישט געקענט קומען..

קאווע שטיבל • „קאָמישע מייַסעלעך..“ • 22סטן נאוועמבער 2018
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12683.html#p417193

## דורבן קריץ פון דער טיר

**דער דארפסמאן:**

געווען א יונגערמאן וואס איז צוריקגעקומען פון א דריטע וועלט לאנד מיט אן אנשטעקיגער מחלה

מ'האט אים גראד אריינגעפירט אין שפיטאל און א פארפאנצערטן צימער ביים עק פון שפיטאל

אפאר שעה שפעטער קומט דער דאקטאר אריין אנגעטון פון קאפ ביז פוס מיט שוץ קליידער ווי נאך א נוקלעארע מלחמה און זאגט אים, פון היינט און ווייטער קענסטו נאר עסן אמעריקען טשיז, פעסטראמי, פיטא מיט פענקעיק

פרעגט אים דער חולה, פארוואס נאר די זאכן?

זאגט אים דער דאקטאר, „ווייל דאס איז די איינציגסטע זאכן וואס פיטן דורך אונטן ביים קריץ פון דער טיר!!!!“

קאוועשטיבל • „קאַמישע מייַסעלעך..“ • 22סטן אקטאבער 2020
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12683-2.html#p461206

---

קאלום

# די תגובה פון דער וואך

אינעם שמועס איבער רייכערן (זעט „א שמועס פון דער וואך“) האבן די ליינער געטענהט, יעדער פון זיין זייט, ווען דער רויך שטערט און ווען עס דארף זיך אריבערציען. „natan101“ האט געבראכט א מעשה מיט א רב:

> איך האב אמאל געדאווענט אין א שול וואס עטליכע האבן זיך אפגערעדט אז די רייכענען שטערט זיי און מ'זאל מאכן א באזונדערן צימער פאר דעם
>
> האט דער רב געענטפערט אז א געזונטער מענטש שטערט אים נישט דער רויעך, איז ווען יא? די קראנקע, נו זאל מען מאכן א צימער פאר אלע קראנקע און די געזונטע זאלן בלייבן אין ביהמ"ד...

**natan101** • הײדפארק • 15טן נאוועמבער 2005
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1670684.html

מקורות

# פון וואו די שטיקער קומען

אלע שטיקער אין דעם נומער זענען גענומען פון די ארכיוון אויף archiv.sites.tab.bot. ביי יעדן שטיק: דער ארכיוו, דער פאָרום, דער אשכול, דער ניק פונעם שרייבער, דער דאטום, און דער לינק.

| | |
|---|---|
| **הויפּט־אַרטיקל** | „איז נאטורליך געזונטער?“ · **יידל**<br>קאווע שטיבל · וויסנשאפט · אשכול „איז נאטורליך געזונטער?“ · 5טן פעברואר 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2873.html |
| **א שמועס פון דער וואך** | „די שעדליכקייט פון רויכערן“ · **כיטוב03, קרעמער, התאחדות און אנדערע**<br>היידפארק · היימישע קרעטשמע · אשכול „די שעדליכקייט פון רויכערן!!!“ · 15טן–18טן נאוועמבער 2005<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1670684.html |
| **וויסנשאפט • מעדיצין** | „בדמייך חיי: הלכות הקזת הדם“ · **הערשי**<br>קאווע שטיבל · וויסנשאפט · אשכול „בדמייך חיי“ · 12טן יולי 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/4263.html |
| **היסטאריע • מגיפות** | „רינג א ראהנד אף רויזי“ · **פליקער און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · היסטאריע · אשכול „ring a round of rosy“ · 19טן–20סטן מערץ 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/6120.html |
| **איבערלעבונגען** | „שיריים פון מיין באזוך אין שפיטאל“ · **לייבל שטילער**<br>קאווע שטיבל · פאעזיע · אשכול „שיריים פון מיין באזוך אין שפיטאל“ · 27סטן דעצעמבער 2020<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/14395.html |
| **קולטור • ביכער** | „א בוך וועגן דעפרעסיע“ · **וואלווי, הקטן און mevakesh**<br>קאווע שטיבל · ספרים און ביכער · אשכול „נייער בוך וועגן דעפרעסיע: Calling Out To You“ · 15טן נאוועמבער 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9810.html |
| **הומאר** | „לינקע זייט סינדראם“ · **זאלצוואסער**<br>זאלצוואסער · זאלצוואסער · אשכול „לינקע זייט סינדראם (קרישקעלעך פון פורים)“ · 3טן מערץ 2013<br>https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/281.html |
| **היינט מיט 17 יאר צוריק** | „ראב"ד ירושלים: נישט קיין דיבוק פשוט א קראנקער נעבעך“ · **נערמאלער** · היידפארק · אידישע געדאנק · 11טן יאנואר 2010<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/2744760.html |
| **היינט מיט 21 יאר צוריק** | „קימפעטארין היימען אין ניו יארק – בעסטע?“ · **אינגערמאן און חלילה_וחס** · היידפארק · חדשות אנ"ש אין בילדער · 11טן יאנואר 2006<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1759034.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „נאטורליך געהאלפן געווארן“ · **כרפס** · קאווע שטיבל · „קאָמישע מייַסעלעך...“ · 3טן אפריל 2020<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12683-2.html#p445123 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „לעת זקנה“ · **שקד** · קאווע שטיבל · „קאָמישע מייַסעלעך...“ · 22סטן נאוועמבער 2018<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12683.html#p417193 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „דורכן קריץ פון דער טיר“ · **דער דארפסמאן** · קאווע שטיבל · „קאָמישע מייַסעלעך...“ · 22סטן אקטאבער 2020<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12683-2.html#p461206 |
| **די תגובה פון דער וואך** | **natan101** · היידפארק · 15טן נאוועמבער 2005<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1670684.html |

**אין דעם קומענדיגן נומער:** דאנערשטאג, דעם 14טן יאנואר – נומער 25, אויף פרשת בא; מאנטאג, דעם 18טן יאנואר – נומער 26

„ארכיוו“ • אויסגעקליבן און מגיה געווען פון די אידישע פארומס און בלאגס • די ווערטער געהערן צו זייערע שרייבער.